№ 22 ... Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagiellońska Kraków Św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדן פרייטאג.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

Piątek, dnia 27 maja 1932 | ליכט-צינדען 7.23 | פרייטאג פ׳ בחקותי כ״א אייר תרצ״ב.

טורנעע פון ווארשעווער יודישען דראמ. טעאטער קינסטל. אנפיהרונג ד״ר מיכאל ווייכערט.

שטארט - טעאטער קאמעראלני. נאר 2 פארשטעלונגען!

מאנטאג, ד. 30 און דינסטאג, ד. 31 מאי 9 אווענד, די גרעסטע ווארשאווער ביהנע-שלאגערס!

אזעף

ביהנע-רעפארטאזש אין 7 בילדער מיט א פראלאג פון א. טאלסטאי און פ. שטשעגאלעוו אינסצ. און רעזשי: מארק ארנשטיין.

געשטאלטען פון די רוס. סאצ.-פארטיי: אזעף, גערשוני, ברעשקא-ברעשקאווסקא, טשערנאוו אנפיהרער פון דער א ראנע: פלעווע, זובאטאוו, מיעדניקאוו. רעוואלוציאנערען: בור-צעוו, סאזאנאוו, דעוויאטקין. מיטגליעדער פון דער טעראר-גרופע: וויערא פיגנער, זילבערבערג, וויאריא, קאלאיעוו.

פרנסה

מוזיקאלישע קאמעדיע אין 3 אקטען

פון ח. גאטעספעלד.

רעזשי: **ד״ר מיכאל ווייכערט.**

מיט׳ן אנטייל פון **קלארא סעגאלאוויטש,** ד. בירנבוים, מ. גארבאזש, פ. וויטאלין, פ. לוריע, ג. לעמבערגער, י. מאנדעלבליט, י. מאנסדארף, ה. פאזנאנסקי, ש. קאן, י. קורלענדער.

דעקאראציעס און קאסטיומען: וו. ווינטרויב. מוזיק: העניך קאהן. טענץ: לאה ראטבוים. אדמ. לייטער: א. גאריעלאוו.—בילעטען אין דרוק. פון ה׳ באטשאן, מאנטאג פון 7 אין קאסע׳

צו דער חתונה פון אונזער פריינדין

פרל. סאלאמעא טרזעבינער

מיט ה׳ אדאלף בארזיקאווסקי

ווינשען א הארציגען מזל-טוב

יצחק גרין און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פערוואלטונגס-מיטגליעד ה׳ **יעקב ראטשטיין** און פרוי צו דער תנאים פון זייער טאכטער **נחמה** מיט ה׳ **ישעי׳ לעדערמאן** פון זשאריק. דעם חתן-כלה ווינשען מיר א בליהענדע צוקונפט.

חברה תומכי עניים (גוט-שבת-יודעלעך) טשענסטאכאוו.

ענטשולדיגונג.

איך בעהט ענטשולדיגונג ביי דער פערוואלטונג פון בלעכער-צעך ביים האנדווערקער-פערבאנד פאר דער נישט טאקטישער האנד-לונג פון מיר געגען דעם צעך און איך פערזיכער, אז אזעלכעס וועט מעהר נישט פארקומען.

י. באמס.

UNIEWAŻNIAM

wszelkie weksle protestowane i te, które jeszcze są w obiegu z żyrem „Fabryka zabawek metalowych J. MILERMAN" do podpisania których pracodawca mnie przymuszał i oświadczam, że za takowe nie odpowiadam.

H. CZARNY.

אכטונג האנדווערקער!

פון 1-טען מאי האט דער האנדווערקער-פער-באנד אנגאזשירט א סעקרעטאר אין דער פערזאן פון ה׳ זארסקי, מאג. פראוו.

אלע אמטליכע ענינים ערלעדיגט דער סעק-רעטאריאט פאר איהרע מיטגלידער אומזאנסט.

די פערוו. פון יוד. האנדוו.-פערבאנד.

SZKOŁA KOEDUKACYJNA i PRZEDSZKOLE

z prawami szkół państwowych

Zofji Wajnsztokówny

w CZĘSTOCHOWIE, PIŁSUDSKIEGO 17,

przyjmuje zapisy na rok szkolny 1932|33 do wszystkich klas (od A do 4 włącznie).

DO PRZEDSZKOLA przyjmuje się dzieci od LAT 3-ch.

Uwaga: Po ukończeniu naszej szkoły dzieci przechodzą do 5-tej klasy gimnazjalnej.

DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI.

NADESZŁA ŚWIEŻA KROWIANKA

do szczepienia ospy ochronnej.

STARSZY FELCZER

St Mittler Piłsudskiego 5/7

tel. 804.

Dyrekcja Gimnazjum D-ra AXERA

z prawami szkół państwowych

donosi, że

EGZAMINY WSTĘPNE odbędą się w NIEDZIELĘ 19 CZERWCA o 9. rano

Zgłoszenia przyjmuje się codziennie.

Przy zakładzie będą uruchomione wszystkie oddziały przygotowawcze do klas gimnazjalnych. Czesne w niższych oddziałach przygotowawczych wynosi 20 zł. miesięcznie.

Niezamożnym Komitet Opiekuńczy zakładu udziela zniżek czesnego we wszystkich klasach i oddziałach.

To przekona każdą gospodynię domu!

Pan S. Marcinek z Królewskiej Huty, ul. Kazimierza 2, dobry fachowiec i właściciel pralni pisze nam:

„Niniejszem przesyłam WPanu samorzutnie wyrazy uznania za jego mydło. Już od kilku lat używam tylko mydła „Kołłontay" i uzyskuję dzięki temuż ku memu i mej klijenteli największemu zadowoleniu szczególnie piękną, białą i czystą bieliznę. Wynik ten przypisuję czystości mydła WPana. Z końcem marca b. r. obchodzę mimo wojny, powstania i kryzysu gospodarczego 25-lecie istnienia mej pralni, która jest zarazem najstarszą na miejscu. Z okazji tej stwierdzam: „Najpewniejszą podstawą i fundamentem każdej pralni jest używanie pierwszorzędnego mydła!"

mydło z pralką

Kollontay

jest lepsze.......

183

Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.

Przedstawiciel na Okręg Częstochowski:

I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 19.

Biuro Próśb, Windykacji i Porad Prawnych

„PORADA"

Częstochowa, ul. Panny Marji № 35. (Aleja)

אכטונג ווירטסלייט!

פון 1 יוני 1932 י. עפנען מיר א ספעציעלע אפטיילונג

פאר הויז = ארמיניסטראציע,

וועלכע ווערט אנגעפיהרט דורך א רוטינירטען אדמיניסטראטאר.

אין דער גליקליכער לאטעריע = קאלעקטור פון J. WEKSLER

איז ביי דער ערשטער קלאס ארויס דאס געווינס פון 15000 זל.

אויף דעם גליקליכען נומער

69661

דעריבער פרוביר דיין גליק און קויף שוין א צעטיל צו דער 2-טער קלאס

פון דער 25-טער מלוכה-לאטעריע אין קאנטאר פון

J. WEKSLER, Aleja 6.

Gimnazjum

Tow. Żydowskich Szkół Srednich

w Częstochowie, Dąbrowskiego 7. Tel. 158.

zawiadamia,

egzaminy wstępne do klas od I—VII

odbędą się

w niedzielę 19 czerwca r. b. o godz 8 rano.

a do klas wstępnych systemem lekcyjnym od 6-go czerwca począwszy.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja.

Przy zgłoszeniu należy przedłożyć metrykę urodzenia.

ליאדעס! ליאדעס!

ווער ווייסט דאס נישט, אז די בעסטע שמאקהאפסטע ליאדעס איז צו בעקומען אין די בעוואוסטע צוקיערניע פון **ה. טרוסקאלאסקי**

2-טע אלעע 38

אויב אזוי, צו וואס זאלט איהר זוכען אנדערשוואו, ווען איהר בעקומט עס ביי מיר. די בעדיענונג איז א פונקטליכע. דער לאקאל היגיעניש. ווער עס געניסט אונזערע ליאדעס איינמאל, בלייבט אונזער שטענדיגער קונה.

מיט אכטונג ה. טרוסקאלאסקי, אלעע 38.

אלערליי בלומען

וושארדיניערקעס, חתונה- און נאמענסטאג-בוקיעטען, קרענץ, הערליכע געוויקסען—דעקאראציעס ווי אויך ערד צום איבערזעצען בלומען א. ז. וו.

צו זעהר נידריגע פרייזען קאן מען צו יעדער צייט בעקומען אין

גארטען פון לייב ווישינסקי

2 אלעע 36, צווייטער הויף.

בעמערקונג: איך דעקאריר אויך באלקאנען, קברים א. א.

OGŁOSZENIE.

Pocztowa Kasa Oszczędności wycofuje z obiegu książeczki wkładowe starego nakładu (druk P. K. O. № 1—5), zaopatrzone numerami od 200.000 do 499.999, wymieniając je na nowe książeczki Serj C.

Poczynając od dnia 1-go lipca b. r. zarówno przyjmowanie wkładek na książeczki starego nakładu jak i dokonywanie z nich wypłat jest wzbronione.

W związku z powyższem posiadacze starych książeczek winni zawczasu kierować je w celu wymiany na nowe do Wydziału Wkładów Oszczędnościowych P. K. O. w Warszawie, przy dokładnie wypełnionym druku P. K. O. Nr 31.

Częstochowa, dnia 12 maja 1932 r.

Administrator—Naczelnik Urzędu II kl.

(—) **Ignacy Cellary.**

נאָטיצען

וועגען היימישע ענינים.

אַזוי ווי כמעט אין אַלע שטעדט איז אויך ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו ענטשטאַנען מיט 4 מאָנאַטען צוריק אַ „הילפס-קאָמיטעט פאַר די קריזיס-געליטענע יודען", וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו זאַמלען פון די יעניגע וועלכע דער קריזיס האָט נאָכנישט איינגאַנצען רואינירט, וועלכע קענען זיך נאָך מיט אייגענע כחות האַלטען אויף די פיס און מיט דער געזאַמעלטער סומע זאָלען אונטערשטיצט ווערען די אומגליקליכע וועלכע דער קריזיס האָט ארויסגעשטויסען פון זייערע פּאָזיציעס און זיי מוזען אומבעדינגט האָבען הילף און שטיצע אַז זיי זאָלען נישט איינגאַנצען אונטערגעהן.

עס איז דאָכט זיך איבריג צו אונטערשטרייכען די אונגעהויערע וויכטיגקייט פון אַזאַ רעטונגס-קאָמיטעט, און ס'איז קיין וואונדער נישט אַז דער געשאַפענער קאָמיטעט, אין וועלכען ס'האָבען זיך געפונען מענשען פון אַלע היגע יודישע שיכטען, האָט ארויסגערופען די געהעריגע סימפּאַטיע צווישען אַלע טשענסטאָכאָווער יודען, אָבער צום בעדויערען מוז מען זאָגען דעם אמת אַז די דאָזיגע אַזוי-נויטיגע און וויכטיגע הילפס-אַקציע איז נישט ווי געהעריג אָרגאַניזירט געוואָרען, און אַז די גרעסטע צאָהל קאָמיטעטס-מיטגלידער האָבען זעהר ווייניג אָבער לגמרי גאָרנישט געלייסטעט פאַר דער דאָזיגער אַקציע.

באַלד דאָס זאַמלען די דעקלאַראַציעס צווישען די היגע יודען וועלכע זענען נאָך ווי עס איז אומשטאַנד זיך צו דעקלאַרירען מיט אַ וועלכער ס'איז סומע צו דעם צוועק, איז נישט געטהון געוואָרען מיט דער נויטיגער אינטענסיווער וואַכזאַמקייט, מיט די געהעריגע אָרגאַניזאַציאָנס-פעהיגקייטען, און דאריבער איז די צאָהל דעקלאַראַנטען געווען זעהר קליין אין בעצוג צו דער צאָהל וואָס וואָלטען געדאַרפט זיך דעקלאַרירען און וואָלטען דאָס בעשטימט געטהון, ווען מען זאָל ביי זיי וועגען דעם אינטערווענירען און זיי צו דעם אויפפאָדערען.

זאָגאָר די איינטאָגיגע זאַמלונג וועלכע דער קאָמיטעט האָט אַדורכגעפיהרט איז אויך, ווי מיר האָבען זיינער צייט אָנגעוויזען, נישט אָרגאַניזירט געוואָרען מיט דער געהעריגער ענערגיע, און דאריבער האָט זי טראָגען דער גרויסער סימפּאַטיע פון אַלע היגע יודען, אַריינגעברענגט אַ נישטיגע סומע.

מיר ווילען נישט בעריהרען דעם אופן פון פערטיילען פון די איינגעפלאָסענע געלדער, וועלכער רופט אויך אַרויס אונצופרידענהייט ביי געוויסע שיכטען, ווארום יעדענפאַלס איז דאָך זיכער אַז קיין עושר האָט קיין שטיצע נישט בעקומען, און אויב עס זענען מעגליך געוועזען נויטיגערע, וועלכע האָבען נישט בעקומען אָדער זיי האָבען בעקומען ווייניגער ווי אַנדערע, וועלכע זענען נישט אַזוי נויטיג, איז פערשטענדליך אַז אַזעלכע טעותים קענען פאָרקומען.

עס וואָלט אפשר נאָך נעדאַרפט בעריהרט ווערען די פראַגע וועגען די אויסגאַבען וועלכע געפונען זיך אין דעם לעצטען בעריכט און וועלכע וואָלטען מעגליך געקענט בעדייטענד פערקלענערט ווערען ווען מען זאָל נעמען אין אַכט אַז יעדער גילדען וואָס מען קען אָבשפאָרען האָט אַ זעהר גרויסע בעדייטונג. אָבער דאס זענען אַלץ זאַכען, וועלכע לאָזען זיך געוויס אויסבעסערן.

איצט שטעהט אויפ'ן טאָג-אָרדנונג די וויכטיגע פראַגע אויב דער קאָמיטעט וועלכער איז געשאַפען געוואָרען לכתחילה נאָר אויף 6 מאָנאַטען זאָל זיך ליקווידירען, אָבער ער זאָל בעניַיען זיין טעטיגקייט אויף ווייטערע עטליכע מאָנאַטען און צו דעם צוועק איז די לעצטע טעג גערופען געוואָרען אַ פערזאַמלונג פון אַלע דעקלאַראַנטען וועלכע זאָלען וועגען דעם בעשטימען.

עס איז גענוג טרויריג אַז צו דער פערזאַמלונג זענען געקומען סך-הכל צעהן פערזאָן, שוין פון די דעקלאַראַנטען מיט'ן קאָמיטעט צוזאַמען און ממילא איז די פערזאַמלונג נישט פאָרגעקומען.

מיר ווילען נישט דאָ בעהאַנדלען און אויפקלערען פאַרוואָס די טשענסטאָכאָווער יודען זענען צו דער דאָזיגער פערזאַמלונג נישט געקומען, צי איז דאָס דערפאַר ווייל זיי זענען פון דער טעטיגקייט נישט צופרידען, אָדער פערקעהרט, ווייל זיי זענען צופרידען אַז זיי האָבען גאָרנישט וואָס אַנצווענדען געגען דעם און פערלאָזען זיך, אַז אַלץ איז אין בעסטען אָרדנונג, מעגליך איז אויך נעווען אַ פעהלער דאס וואָס אין די איינלאַדונגען איז נישט געווען געזאגט אַז עס האַנדעלט זיך וועגען דער עקזיסטענץ פון קאָמיטעט, נאָר בלויז וועגען אַ בעריכט און דער בעריכט האָט דעם עולם נישט אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט.

אַלזאָ אויף זונטאָג רופט די פערוואַלטונג אַ צ ו ו י י ט ע פערזאַמלונג, און זי האָט בעשלאָסען, אַז אויב אויף דער צווייטער פערזאַמלונג וועט אויך דער עולם נישט קומען וועלען זיי די אַקציע ליקווידירען.

עס איז דעריבער דער חוב פון די דעקלאַראַנטען און די קאָמיטעטס-מיטגלידער צו קומען אויף דער פערזאַמלונג און זיך בעמיהען אַז דער הילפס-קאָמיטעט זאָל ווייטער עקזיסטירען, עס וואָלט פשוט געווען אַ גרויסע זינד ווען אין דער היינטיגער שרעקליכער צייט זאָל נישט זיין אין אַזאַ שטאָדט ווי טשענסטאָכאָוו קיין אינסטיטוציע וואָס זאָל טראָגען דעם פאָרם פון אַ גיכער הילף פאַר די געליטענע.

זעלבסטפערשטענדליך דאַרפען פיעל זאַכען אויסגעבעסערט ווערען, די אַרבייט דאַרף אומבעדינג ווי געהעריג רעאָרגאַניזירט ווערען, און די פערוואַלטונגס - מיטגלידער ערפולען זייערע אויפגאַבען, אַזוי אַז די אַקציע זאָל ווירקליך ברענגען די נויטיגע רעזולטאַטען צו וועלכע זי ווערט געשאַפען.

י. פ.

פון דער פוילישער פרעסע.

גאַנץ אַנדערש ווי דער נייער ענדעקישער אָרגאַן אין טשענסטאָכאָוו, די „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ" בעהאַנדעלט, כאָטש פאַראיבערגעהענדיג, דאס יודען-פּראָבלעם אין פוילען די היגע „סלאָוואָ טשענסטאָכאָווסקע", וועלכע גילט אַלס אָרגאַן פון דער סאַנאַציע אין אונזער קרייז.

אין אַנ'אַרטיקעל וועגען „נאַציע און נאַציאָנאַליטעטען" רעדט אַרום דער אויטאָר אין אַ שעהנער, זאַכליכער און לאָגישער פאָרם דאס פּראָבלעם און די הויפּט-פּרינציפּען פון נאַציע, אָנווייזענדיג אַז דער היינטיגער בעגריף פון נאַציע ווערט פערשטאַנען אין דעם זין אַז אַלע מענשען, וואָס וואוינען אין איין לאַנד, כאָטש זיי רעדען נישט איין שפראַך, געהערען זיי צו איין נאַציע און איין מלוכה.

דער אויטאָר ווייזט אָן אויף אַ גאַנצער רייהע לענדער, וואו עס וואוינען מענשען, וואָס רעדען פערשידענע שפּראַכען און דאַן אַנערקענען זיי זיך אַלס גוטע בירגער פון דעם דאָזיגען לאַנד.

ער קומט דעריבער צום אויספיהר, אַז אַ פאָלק הייסט אַ גרופּע מענשען וועלכע זענען פערבינדען מיט אַ געמיינזאַמען היסטאָרישען גורל.

— — — —

מיר וואָלטען די דאָזיגע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען בעדייטענד קאָריגירט און אַנגעמערקט, אַז אייגענטליך האָט דער שרייבער געהאַט אַ טעות, רעדענדיג אי וועגען פּרינציפּ פון מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם, ווי פון דער מאָדערנער מלוכה.

די יעצטיגע מאָדערנע מלוכה איז אייגענטליך צונויפגעשטעלט, ווי אַלעמען איז בעוואוסט, פון פערשידענע נאַציאָנאַליטעטען, פון וועלכע יעדע פערמאָגט איהר נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגע שפּראַך אָדער שפּראַכען און איז אַלס אַזעלכע געבינדען אַלס נאַציאָנאַלע גרופּע אָן און פאַר זיך מיט נאַציאָנאַל-היסטאָרישער פערגאַנגענהייט און צוקונפט.

אמת איז, אַז פון די דאָזיגע נאַציאָנאַלע גרופּען ווערט געבילדעט די היינטיגע מלוכה, פון וועלכער יעדער איז אַ בירגער און איז אַלס אַזאַלכער מיט דעם גורל פון דער מלוכה פערבינדען, אָבער דאס הייסט בשום אופן נישט אָנגעהערען צום נאַציאָנאַליטעט פון דער מלוכה, ווייל עס איז יעצט נישט פערהאַן קיין נאַציאָנאַלע מלוכה אין אמת'ן זין פון וואָרט, נור אַ בירגערליכע. אַזוי פערשטעהט דאס אויך דער ווערסאַילער טראַקטאַט, אין אַ געוויסען זין.

— — — —

דער אויטאָר האַלט ריכטיג דעם ענדעקישען נאַציאָנאַליזם פאַר געפעהרליך ווייל ער שטרעבט נישט צו קיין „גרויס פוילען".

אָבער די ענדעקישע „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ" שאָנעוועט נישט דעם דאָזיגען פאָרטגעשריטענעם שרייבער און ענטפערט איהם מיט פערשידענע דעמאַגאָגישע שטיקלעך ווי זייער שטייגער איז, קומענדיג מיט זייער בעוואוסטען פּזמון, אַז פוילען מוז זיין אַ נאַציאָנאַלע מלוכה, אַלזאָ קאָנסעקווענט הייסט דאס דאָך טאָקי אַ קליין פוילען.

— — — —

אין אַ צווייט אַרטיקעל אין דער „סלאָוואָ" וועגען מלוכה-פּרינציפּ רעדט ה' גריגאָשינסקי אַרום די דאָזיגע פראַגע און קומט צום אויספיהר, אַז די מלוכה דאַרף זיין פאַר אַלע בירגער גלייך:

„אַלע בירגער, אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, ראַסע, רעליגיע, שפראַך און קלאַס, מוזען ווערען גלייך בעהאַנדעלט, אָהן עולה פאַר אַ וועלכע עס איז גרופּע".

און ווייטער:

„מען מוז אונטערשרייכען וואָס אַלע פעראייניגט און נישט וואָס עס צוטיילט אַלעמען".

„נור משוגעים קענען האָבען אין זייער פּראָגראַם דאָס אַרויסרופען קאָנפליקטען צווישען גרופּען בעפעלקערונג, וועלכע וואוינען אין דער פוילישער רעפּובליק".

„אַזעלכע איז די ענדעציע, וועלכע אַנערקענט נאָר איין שפּראַך, איין ראַסע און האַלט נאָך פון דער באַנקראָטירטער זאָאָלאָגישער נאַראָדאָווער דאָקטרינע".

אַרומרעדענדיג די לאַגע אין לאַנד און אויסערן, קומט דער אויטאָר צום אויספיהר:

„אין איין רייהע האָבען זיך געפונען דער פּאָלאַק, ווייסרוס, אוקראאינער, יוד און לאַיאַלער דייטש און אפילו דער וואָלינער טשעך".

„האַנד אין האַנד זענען געגאַנגען קאַטאָליקען, פּראַוואָסלאַוונע, פּראָטעסטאַנטען און יודען..."

„דאריבער דאַרף אַלעמען בעהערשען די אידעע פון גלייכהייט אָהן אונטערשיעד פון בירגער, אַזוי ווי עס זאָגט דער לאַגער פון מאַרשאַל פּילסודסקי".

די אויספיהרונגען זענען זעהר שעהנע, אָבער ליידער זעהען מיר נישט אַז דאס לעבען זאָל אַנגעפיהרט ווערען אַזוי ווי עס וואָלט אפשר געוואָלט ה' גריגאָשינסקי, אָבער ווי מיר ווילען עס פערשטעהן און פערשטעהן עס...

דער אונטערשיד: דער לעצטער קוקט אויפ'ן לעבען מיט אָפענע אויגען און די ערשטע, די ענדעקעס, מיט פינסטערע ברילען פון מיטעלאַלטער, פון אונטערדריקונג און נאַציאָנאַלען האַס.

אַלפאַ

פון „עזרה".

די פערוואַלטונג פון פרויען-פעראיין „עזרה" טיילט מיט, אַז דער אָבצייכנונגס-טאָג, וואָס איז פאָרגעקומען מאָנטאָג דעם 23 מאַי האָט געבראַכט 312 זלאָטעס.

גלייכצייטיג דריקט אויס די פערוואַלטונג איהר איניגסטען דאַנק די אַלע וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דער אַקציע און מיטגעהאָלפען מיט זייער אינטענסיווער אַרבייט.

אַ בעזונדערן דאַנק דעם ה' א. פרידמאַן, וועלכער האָט גאַנץ אומזיסט אָבגעמאָלט די זאַמעל-קעסטלעך.

די ענטלאָפענע. (9

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין דייטשלאַנד אין 18-טען יאָהר-הונדערט.

פון י. איזאַקזאָהן.

(פאָרטזעצונג).

7.

נאָך די תנאים פון חנה'לען האָט זיך ביי יעקב משה'ן אין הויז גאָרנישט געענדערט. חנה'לע האָט ווייטער בעזוכט די קריסטליכע שולע וואו זי האָט נאָך געדאַרפט לערנען גאַנצע צוויי יאָהר, און טראָץ דעם וואָס איהר חתונה איז געווען בעשטימט אויף נאָך אַנדערטהאַלבען יאָהר, האָט זי גערעכענט נאָך דער חתונה צו פערענדיגען איהר שטודיום און יעקב משה האָט צו דעם מסכים געווען.

איהר חתן, דער עילוי, האָט אַזוי ווי פריהער ווייטער געלערנט אין דער ישיבה ער האָט זיך וואָס אמאָל אַלץ מעהר אויסגעצייכענט מיט זיין למדות און די כלה האָט איהם איינגאַנצען נישט אינטערעסירט, ווען די ישיבה-בחורים וואָס האָבען איהם מקנא געווען פלעגען איהם אַמאָל פרעגען וועגען דער כלה, האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, אַזוי ווי דאס איז גאָרנישט זיין זאַך.

זינט די תנאים האָט ער מעהר נישט געגעסען ביי ר' יעקב משה'ן קיין שבתים און ימים-טובים אַזוי ווי פריהער, ווייל עס האָט נישט געפּאַסט, אַז דער חתן זאָל זיך זעהען מיט דער כלה און אַזוי ווי יעקב משה האָט נישט געוואָלט אַז זיין חתן זאָל עסען „טעג" אין פרעמדע הייזער, האָט ער געצאָהלט דעם רב, אַז ער זאָל דעם חתן געבען צו עסען. אַזוי אַרום איז חנה'לען קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זעהן איהר חתן.

חנה'לע איז פון דעם נישט געווען צופרידען, זי האָט ווירקליך געוואָלט זיך צופּאַסען צו איהר גורל און געוואָלט בעאיינפלוסען איהר חתן אַז ער זאָל זיך אָנהויבען צו פערנעמען מיט לערנען אייראָפּעאישע שפּראַכען און בילדונג, זייענדיג זיכער, אַז אַזאַ עילוי ווי ער איז וועט זעהר שנעל זיך קענען פערפּולקאָמען אין די וועלטליכע למודים און זי האָט גערעכענט אַז אַזוי ווי ער וועט ווייטער ביי זיי עסען שבת, וועט זי האָבען אַ געלעגענהייט מיט איהם וועגען דעם צו רעדען.

זעהענדיג אָבער אַז דער חתן קומט מעהר נישט צו זיי עסען און זי האָט איינגאַנצען נישט קיין געלעגענהייט איהם צו זעהען, איבערהויפּט מיט איהם צו רעדען, האָט זי געזוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי צו קענען זיך מיט איהם פערשטענדיגען.

צוליעב דעם האָט זי איינמאָל פערפיהרט מיט דער מוטער אַ געשפּרעך און זי געפרעגט:

זאָג מיר מאַמעשי איז טאָקי לויט'ן יודישען דין נישט דערלויבט אַז אַ חתן מיט אַ כלה זאָלען זיך זעהען און רעדען צווישען זיך?

גאָט בעהיט, ווער האָט דיר דאס געזאָגט? דאס זעהן זיך פון חתן-כלה איז ערלויבט, און עס קומט פאָר אפילו ביי די פרומסטע יודען—האָט די מוטער געענטפערט.

און פאַרוואָס קומט דער חתן קיינמאָל נישט צו אונז?

ווייל ער איז שטענדיג פערנומען מיט זיין לערנען, און ער האָט נישט קיין צייט צו אונז צו קומען.

און התונה צו האָבען וועט ער יאָ צייט האָבען?—האָט חנה'לע שוין איראָניש געפרעגט.

די מוטער איז נעבליבען צוריק פון חנה'לעס טרעפליכער פראַגע און זי האָט געענטפערט:

דו מאַכסט שפּאַס, חנה'לע, איך פערשטעה עס אויסגעצייכענט, ער איז איצט נאָכמעהר ווי פריהער פערנומען מיט'ן לערנען, ווייל ער וויל אונז צופרידערשטעלען, און טאַקי אויסוואַקסען אַ גרויסער גאון מיט וועלכען מיר זאָלען קענען שטאָלצירען.

אָבער איך האָב דאָך דיר שוין ערקלערט אַז איך מעכט געהאָלט אַז ער זאָל אויך לערנען אַנדערע שפּראַכען און אַלגעמיינע וויסענשאַפט.

דאס מוזטו, מיין קינד, איבערלאָזען אויף נאָך דער חתונה, ווען דו וועסט זיין זיין פרוי, וועט ער דיר אַלץ נאָכקומען.

אַזעלכע און עהנליכע געשפּרעכען זענען צווישען טאָכטער און מוטער גאַנץ אָפט פאָרגעקומען און דער רעזולטאַט איז געווען אַז יעקב משה האָט פערבעטען דעם חתן צו גאַסט אויף די צווייטע טעג פסח, ער האָט דאס צוליעב געטהון זיין פרוי, וועלכע האָט מיט דעם געוואָלט דערפיהרען אַז חנה'לע זאָל מיט איהר חתן קענען רעדען.

די צווייטע טעג פסח האָט דער ישיבה-בחור ווירקליך ביי זיי געגעסען, אָבער ער האָט די גאַנצע צייט פון עסען קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, אויסער ווען יעקב משה האָט איהם עפּיס געפרעגט, האָט ער געענטפערט צוויי-דריי ווערטער און ווייטער אַריינגעקוקט אין דעם ספר, וואָס איז פאַר איהם געלעגען אויפ'ן טיש, אַזוי אַז חנה'לע האָט נישט געהאַט קיין מעגליכקייט מיט איהם צו רעדען.

ווען ער האָט ביי זיי געגעסען די לעצטע סעודה, און חנה'לע האָט געוואוסט, אַז ער וועט מעהר צו זיי שוין אַזוי שנעל נישט קומען, האָט זי איהם אָבגעוואָרט ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, און ווען ער איז אַרויס אין קאָרידאָר האָט זי צו איהם געזאָגט: איהר וועט אפשר מיט מיר רעדען עטליכע ווערטער.

ער איז געבליבען ערשטוינט, אָבער ער האָט באַלד געענטפערט:

פאַרוואָס נישט?

חנה'לע האָט געעפענט די טיער פון איהר צימער און איהם אַריינגעבעטען, ער איז אַריין און זי נאָך איהם.

זעצט זיך—האָט חנה'לע געזאָגט אָנווייזענדיג איהם אַ שטוהל.

ער האָט זיך נישט דרייסט געזעצט אויפ'ן עק פון שטוהל, און געהאַלטען די אויגען אַראָבגעלאָזט צו'דער ערד, אָבער חנה'לע האָט געפּאַסט מוטה און געזאָגט:

איך האַלט, אַז אַלס אייער כלה דינט מיר דאס רעכט מיט אייך צו רעדען עטליכע ווערטער.

נו יאָ, געוויס—האָט ער געענטפערט שטאַמעלדיג.

מיר זענען חתן-כלה—האָט חנה'לע געזאָגט—און מיר וועלען ווערען מאַן און ווייב מוזען מיר דאָך זיך פערשטענדיגען, אַז מיר זאָלען קענען צוזאַמען לעבען.

חנה'לע האָט איהם טיעף בעטראַכט וועלענדיג זעהען וואָסערע איינדרוק איהרע ווערטער מאַכען אויף איהם, אָבער ס'האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי ער וואָלט זי איינגאַנצען נישט פערשטאַנען.

(פאָרטז. קומט).

דער „חודש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע".

(אויפרוף פון ציוניסטישען צ. ק.) *)

ציוניסטען אין פוילען!

דער פאַרטיי-ראַט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פוילען האט אויפ'ן פאָרשלאַג פון צענטראַל - קאָמיטעט אָנגענומען א בעשלוס: צו פראָקלאַמירען „א חודש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע", וואס זאָל דויערען פון 15-טען מאַי (ט' אייר) ביז'ן 15-טען יוני (י"א סיון).

די ציוניסטישע בעוועגונג האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסען און פונאַנדערגעשפרייט. גרעסער און גרעסער ווערט די צאָהל יודען, וועלכע אָנערקענען דעם ציוניסטישען אמת און די גרויסקייט פון אונזער אויפלעבונגס-אידעאַל, וואס געפונט זיך אין צושטאַנד פון פערווירקליכונג. די אויפבוי-אַרבייט אין אונזער נאַציאָנאַלער היים, וואס ווערט פאַרטגעזעצט טראָץ אַלע שוועריגקייטען, דער אונאויפהערליכער יודישער דראַנג קיין ארץ-ישראל, וואס ברעכט אַדורך אַלע שטערונגען און פערצוימונגען — בעווייזען דער גאַנצער וועלט, אַז די אייביגע האָפנונג פון יודישען פאָלק צוריק אויפצובויען זיין אַלטע היים איז שוין נישט מעהר קיין האָפנונג אַליין, נישט מעהר קיין לעגענדע, נאָר אַ ווירקליכקייט, וואס ווערט ברייטער, שטאַרקער, איינגעוואָרצעלטער פון טאָג צו טאָג.

פריינד און געוועזענע געגנער, אָפּטימיסטען און סקעפּטיקער, יודען און נישט-יודען, ווען זיי זעהען נאָר מיט זייערע אייגענע אויגען דאס, וואס די יודישע ח ל ו צ י ם פון אַלע שיכטען האבען אין פערלויף פון אַ פערהעלטנישמעסיג קורצער צייט אויפגעטהון אין ארץ-ישראל, האָבען נישט גענוג לויבווערטער פאַר דער יודישער ענערגיע און איניציאַטיוו, פאַר דעם גרויסען יודישען שאַפונגס-גייסט, וואס האט זיך אויף זיין היימאַטס-באָדען ענטפלעקט און מיט זיין גאַנצער בעוואונדערונגסווערטער בויענדער קראַפט.

די אויפבוי-אַרבייט פון ארץ-ישראל האט שוין פון לאַנג אַרויסגערופען די בעדערפעניש צו שאַפען אין די גלות-לענדער אַ גאַנצע רייהע פון פינאַנץ-אינסטיטוטען און אַנדערע איינריכטונגען, וואס דורך זייער פערמיטלונג זאָלען אַלע שיכטען פון יודישען פאָלק און אויך פערשידענע יחידים, וועלכע זענען נאָך נישט אָנגעשלאָסען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קענען קומען צו הילף דעם אויפבוי פון אונזער נאַציאָנאַלער היים. די הויפּט - קרנות פאַר אונזער אויפבוי-ווערק, ווי אויך אַנדערע זאַמלונגען אָדער פאָנדען פאַר ארץ-ישראל גיבען די מעגליכקייט יעדען יוד זיך אין זיי צו בעטייליגען און צו האָבען דאס פריידיגע בעוואוסטזיין, אַז אויך ער טראָגט צו אַ ציגעל צום גרויסען און אייביגען יודישען נאַציאָנאַלען בנין. דער ציוניזם וויל דאָך צוציהען דאס גאַנצע פאָלק צו דער אַרבייט פאַר ארץ-ישראל, און זינט זיין ענטשטעהן מאַכט ער אַלע בעמיהונגען אין דער ריכטונג און ער האט שוין בעוויזען צוצוציהען צו דער אַרבייט גרופען אָדער פערזאָנען, וואס שטעהען נאָך אויסער די ציוניסטישע רייהען.

אָבער קיינער נישט און בעזונדערס מיר, ציוניסטען, טאָרען אויף קיין איין מינוט נישט פערגעסען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז עס די, וואס האט די בעוועגונג אַרום דעם אויפבוי פון א"י ארויסגערופען צום לעבען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז די שטויס-קראַפט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע גיט לעבען און זאַפט דער גאַנצער בעוועגונג, שאַפט די שטימונג און בעשטימט דעם טעמפאָ פאַר דער אַרבייט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האט זיך געשטעלט דעם גרויסען אידעאַל פון דער אַלזייטיגער יודישער אויפלעבונג, ווייל נאָר אַ פריי און אויפגעלעבט פאָלק קאָן אויפבויען פאַר זיך זיין פרייע היים, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אין אַ צייט פון שווערע נסיונות, לאָזט נישט מ'ט איהר אויפמונטערונג און איהר טיפען גלויבען אין אונזער ענדגילטיגען זיעג אַריינפאַלען אין יאוש, און אין אַ צייט פון בעסערער קאָניונקטור שטעהט זי אויף דער וואַך, רעגולירט די בעוועגונג, גיט שוואונג און גלאַנץ דער אַרבייט.

בעזונדערס שטאַרק און דיסציפּלינירט דאַרף אויפגעבויט ווערען די אַ ל ג ע מ י י נ ע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער שטאַם פון ציוניסטישען בוים, פון וועלכען אַלע צווייגען זענען אויסגעוואַקסען.

דער גאַנג און דער ערפאָלג פון אונזער אויפבוי-אַרבייט אין ארץ-ישראל העננגט קוי'ם-כל אָב פון דער געשלאָסענקייט, טהאַט-קרעפטיגקייט פון אַ שטאַרקער און דיסציפלינירטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די אָבשוואַכונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מוז ברענגען צו דער אָבשוואַכונג פון דער בעוועגונג פאַר און אַרום ארץ-ישראל.

אַ שטאַרקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע—דאס מוז ווערען דער לאָזונג פון יעדען ציוניסט, פון יעדען סימפּאַטיקער אונזערען און פון יעדען יוד, וואס די אויפבוי-אַרבייט אין ארץ - ישראל איז איהם נאָהנט צום האַרצען.

צו דעם צוועק—צו פערשטאַרקען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין פוילען—פּראָקלאַמירט יעצט דער פּאַרטיי-ראַט דעם אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע - ח ו ד ש. יעדער אַקטיווער ציוניסט דאַרף זיך אין פערלויף פון דעם חודש שטעלען אין דינסט קודם-כל פון דער אָרגאַניזאַציע, אין יעדער שטאָדט און שטעטיל וועלען אין פערלויף פון דעם חודש אָבגעהאַלטען ווערען אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון די אגודות, מאַסען-מיטינגען, אַקאַדעמיעס, רעדעס אין די שוהלען א. א. וו., אויף וועלכע עס וועט פּראָפּאַגירט ווערען דער ציוניזם אין זיין ברייטסטען פערנעהם און די בעדייטונג פון דער אָרגאַניזאַציע. אין דעם חודש דאַרפען רעגיסטרירט ווערען נייע חברים פאַר דער אָרגאַניזאַציע, עס דאַרפען אַריינגעצויגען ווערען אין אונזערע רייהען די אַלע סימפּאַטיקער פון ציוניזם, וואס זענען ביז איצט געשטאַנען פון דרויסען. עס מוזען געמאַכט ווערען אַלע אָנשטרענגונגען, כדי צו פערשטאַרקען די אגודות אויף די ערטער און די צענטראַלע—דעם צ. ק.—אין וואַרשא, ווי אויך צו שאַפען די מיטלען, כדי דער אַפּאַראַט פון צ"ק, וואס פיהרט אָן די גאַנצע אַרבייט אין פוילען, זאָל זיין אימשטאַנד צו פונקציאָנירען ווי געהעריג און ערפילען זיינע אויפגאַבען אין דער פולער מאָס.

חברים, ציוניסטען!

אין נאָמען פון אונזער גרויסען אידעאַל, און נאָמען פון דער אויפבוי-אַרבייט אין ארץ-ישראל, רופען מיר אייך צו אַרבייט, צו אָנשטרענגונגען, צו אָפּפערווילינקייט!

דער ציוניזם רופט אייך — אַלע צו דער אַרבייט!

צענטראַל-קאָמיטעט פון דער
ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע
אין פוילען.

וואַרשא, 'אייר תרצ"ב.

*) דעם אויפרוף האָבען מיר בעקומען צוגעשיקט פון ציוניסטישען צ. ק. און צוליעב טעכנישע סבות איז ער נישט אריין אין פוריגען נומער.

דעלעגאַטען פון דער סאָסנאָוויצער האַנדעלס-קאַמער אין טשענסטאָכאָוו.

די סאָסנאָוויצער האַנדעלס - קאַמער האט ענדליך אָנגעהויבען איינפיהרען אין לעבען איהר בעשלוס איינצואָרדנען פון צייט צו צייט בעלעהרענדע רעפעראַטען, וועלכע טראָגען אַ ווי-סענשאַפטליכען און אינפאָרמאַטיווען כאַראַקטער פאַר'ן סוחר'טום און האָבען אַ זעהר וויכטיגע בעדייטונג.

פערגאַנגענעם זונטאַג האָבען געווילט אין אונזער שטאָדט די פאַרשטעהער פון דער סאָסנאָוויצער האַנדעלס-קאַמער ד"ר מיכאל זשאַצקעוויטש און האַנדעלס-ראַט ה' הענריק קוויאַטעק פון סאָסנאָוויץ, מיט וועלכע עס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ גרעסערע סוחרים- פערזאַמלונג אין זאַל פון די פייערלעשער, וואו זיי האָבען געהאַלטען זייערע אינטערעסאַנטע רעפעראַטען.

די פערזאַמלונג עפענט דער וויצע-פרעזעס פון דער האַנדעלס-קאַמער ה' מ. נייפעלד, וועלכער פערבעט אין פרעזידיום די אָרטיגע האַנדעלס-ראַט-מענער די ה"ה: ז. שטילער, י. דאַוויד-אָוויטש, ח. וויינשטאַק, אָרלאָווסקי און גאַיעווסקי.

דאס ערשטע וואָרט בעקומט האַנדעלס-ראַט ה' קוויאַטעק, וועלכער זאָגט:

יעצט, ווען דער גרויזאַמער קריזיס דרינגט אַריין וואס אַמאָל טיעפער אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען אין דער ערשטער רייהע ליידט דאס סוחר'-טום, מוזען מיר (אויב מיר ווילען בעקעמפען דעם קריזיס) זיך בעקענען מיט די אַלע אומשטענדען און פעהלערן, וועלכע זענען בעגאַנגען געוואָרען פון פערשידענע צייטען.

אַנאַליזירענדיג די קריזיסען אין אַלע לענדער און די סבות, וועלכע האָבען גורם געווען צו דעם, זעהען מיר, אַז אונזער לאַנד איז אָנגעשטעקט מיט אַ ספּעציעלען קריזיס און אין וועלכען מיר טראָגען אויך א היבש ביסעל שולד.

אַלערערשטענס די איבערשיכטונג פון דער געזעלשאַפט, די אונפעהיגקייט צוצופאַסען זיך צו דער פּראַקטישער ווירטשאַפט, די דעוואַלואַציע פון געלד, וועלכע האט געשאַפען אַנ'אונגעהויערע צאָהל שפּעקולאַנטען, וועלכע פערסמ'ען דעם האַנדעל.

איצט די פיסקאַלישע פאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע טראָגט אַ רעפּרעסיאָנס-כאַראַקטער, דאַן דער מאַנגעל אין אַריענטירונגס - פעהיגקייטען, וועלכע עס מוז בעזיצען דער מאָדערנער סוחר, אַזוי, אַז ביי דער אינפלאַציע האָבען זיך די סוחרים אינגאַנצען פערלוירען און זיי קענען נישט וואַכען איבער זייערע אינטערעסען. פערשטעהט זיך, אַז דאס פעהלען פון סוחרישע לייסטונגס-פעהיגקייטען, דאס אינטואיטיווע פיהלען די קאָניונקטורען, די אַלע אימשטענדען האָבען געבראַכט דערצו, אַז דאס סוחר'טום איז געבליבען אונצאָהלונגס-פעהיג און האט זיך אַ שטאַרקען טרייסעל געטהון.

די קלאָגעדיגע לאַגע פון דעם האַנדעל האָט מיט זיך געשאַפען אַ גרויזאַמען פלאַג, וואס הייסט „נישט-עהרליכע און נישט - עטישע קאָנקורענץ" אַזוי, אַז די סוחרים האָבען גענצליך פערלוירען זייער נאָרמאַלען גאַנג און מיט דעם פערשאַרפען זיי נאָך מעהר דעם קריזיס און עס מאַכט זיך דער אמת'ער כאָאָס און ווירטשאַפטליכער קאַטאַקליזם. די דאָזיגע אונקולטורעלע און אונווירדיגע ערשיינונג איז אַלגעמיין אין אויסלאַנד נישט צו זעהן.

און דאָ האט זיך געשאַפען די לאַגע פון מיסברויכען מיט דעם קרעדיט און צוטרוי, אַלטע פירמעס וועלכע זענען שטענדיג געווען בעקאַנט מיט זייער עהרליכקייט און סאָלידקייט זאָגען זיך אָב פון צאָהלען.

מיט אַ ביטערען אמת און דער גאַנצער אָביעקטיוויטעט דאַרף מען זאָגען, אַז די דאָזיגע מאָטיווען האָבען בעגראָבען אונזער צוטרוי און קרעדיט אין אויסלאַנד.

אויף די חורבות פון דעם אַלטען סוחר'טום מוז ענטשטעהן אַ מאָדערנע סוחרישע געזעלשאַפט, מיט די געהעריגע פּראָפעסיאָנאַלע אויסבילדונג דורך דער רעווידירונג פון די אַלטע פּרימיטיווע פאָרמען צו אַ געהעריגער זעלבסטווירדע פון סוחרישער עטיק, אין וועלכער מיר נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק.

דאַן נעמט דאס וואָרט דער פּרעלעגענט ד"ר זשאַדקעוויטש, וועלכער רעדט וועגען דעם פּראָבלעם פון קרעדיטאָר און דעביטאָר, וואס איז היינט זעהר

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אַ יאָהר צייט.

לעזענדיג דאס לייט - אַרטיקעל פון אונזער רעדאַקטאָר ה' י. פלאַצקער אין פוריגען נומער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דעם פוריגען פרייטאַג האָבען מיר געפייערט די יאָהרצייט פון די וואַהלען צו דער נייער קהלה.

אַ יאָהר צייט, ווי עס זענען אַריין אין דער טשענסטאָכאָווער קהלה נייע דאָזאָרעס, אינטעל'גענטע דאָזאָרעס, נישט קיין קאַפאָטע-דאָזאָרעס, נאָר דאָזאָרעס מיט וועלטליכע אַנשויאונגען, מיט פּאַרטיי-סטאַזש אין דער טעקע, און וואס איז דער סך-הכל? אַז אַך און וועה. אַ סך ערגער ווי עס איז געווען ביי די „כאַלאַטשאַרסקע" דאָזאָרעס. אמת איז, אַז אויך דאַמאָלס האָט אַלץ געלאָמט, אָבער זיי האָבען דאָך געהאט אַ מאַכט עפּיס צו טהון. אָבער היינט איז שוין אַוועק אַ יאָהר צייט און די פאָסטעמפּאָווע דאָזאָרעס האָבען נאָך נישט איינגעטינקט די האַנד אין קאַלטען וואַסער.

אַ גרויסען שבח מוז מען זאָגען די אַלטע דאָזאָרעס, אַז זיי האָבען דאָך עפּיס געטהון. אָט למשל, איז די מקוה נישט אויסגעשטעלט געוואָרען אויף ליציטאַציע דערפאַר, ווייל די דאָזאָרעס זענען געגאַנגען אין דער מקוה, האָבען זיי פאַר איהר געזאָרגט, אָבער די היינטיגע דאָזאָרעס קען איך שווערען, אַז 80 פּראָצענט דאָזאָרעס זענען זיך נישט טובל אין דער מקוה, טאָ פון וואַנען זאָלען זיי וויסען וואס דאָרט טהוט זיך.

נאָך אַ מעלה האָבען געהאַט די אַלטע דאָזאָרעס, אַז זיי האָבען עפּיס געמאַכט איז געווען פערפאַלען. אָט למשל האָבען זיי סקאַסירט די „סאָלאַזאַיענטש", האָבען נישט געהאָלפען די פּראָטעסטען מצד דער פּרעסע, מען האָט זי פערקלאַפּט און פערטיג, וואס דאַרפט איהר מעהר? אפילו דאס ביסעל איבערגעבליבענע שאר - ירקות, דאס ביסעל זיידענשטאָף און סחורות (פון די מאַשינען רעד איך שוין נישט), זענען פערפאַקט געוואָרען אין קאַסטענס און פערשלאָסען געוואָרען מיט שלעסער און די שליסלען האָט מען ווי מ'שמועסט, אַריינגעוואָרפען אין דער וואַרטאַ און זיי וועלען דאָרט אַזוי לאַנג ליגען ביז — ביז משיח וועט קומען...

אָבער די היינטיגע? אין משך פון אַ גאַנץ יאָהר האָבען זיי אפילו נישט בעוויזען קיין קאַץ דעם עק צו פערבינדען, אויסער אפשר דאס, וואס זיי האָבען אָנגעהויבען די מצה-אַקציע און זי באַלד טאַקי פערענדיגט מיט אַ דורכפאַל. קיין אַנדערע אַרבייט קאָן איך זיי נישט צושרייבען. וואס דאַרפט איהר מעהר? אפשר קענט איהר מיר זאָגען ווער עס איז וויצע-פּרעזעס פון ראַט? איך, אסור אויב איך ווייס.

וואס איז שייך צו זאָגען, אַ „וואַזשנע" סך-הכל פון דער טעטיגקייט פון אַ גאַנצען יאָהר צייט.

די ווייבער ווילען אונז בעזיגען.

זייט אַזוי גוט און וואַרפט אַרויס פון סידור'ל די ברכה, שלא עשני אשה, ווארים זאָלען מיר זיך נישט גענאַרען, זי האָט דאָך פערלוירען איהר ווערט.

די פרוי איז דאָך געוואָרען היינט אַ גאַנצע קנאַקער'ן, זי קריכט אַלץ וואס העכער. זיי פערנעמען סיי אין פּאָליטישען ווי אויך אין פּראָפעסיאָנעלען הינזיכט די זעלבע שטעלען וואס דער מאַן און צווישען אונז זאָל עס בלייבען, זיי מאַכען עס גאָהר גישט שלעכט.

איך זאָג דאָס אָקעגען דעם, וואס לעצטענס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס איז צוזאַמענגערופען געוואָרען דורך אַ ספּעציעלען שליח פון וואַרשא, (אויך אַ פרוי) וואס האָט זי אויפגאַבע אויסצובילדען יודישע מיידלעך, אַז זיי זאָלען זיין פיזיש ענטוויקעלט. און ווען מען האָט נעהערט דעם פּלאַן פון דער דעלעגאַטקע, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און די פרויען, די שוואַכע פרויען, אָדער ווי מען האָט זיי אָנגערופען דאָס שוואַכע מין וועט באַלד ווערען דאָס שטאַרקע מין און אַ קלאָג וועט דאַמאָלס זיין צו אונז מענער.

דאַמאָלס, האָט אונז אויך נישט געפעהלט קיין צרות, מכל שכן היינט, ווען זיי וועלען אונז קענען בעזיגען נישט בלויז מיט היסטעריע און אַנדער ווייבעריש געוועהר, נאָר אויך טאַקע מיט די ידים.

קאָנקורענץ.

אַקעגען דעם, וואס איהר זאָגט קאָנקורענץ. אמת, אויף קאָנקורענץ שטעהט די וועלט, אָבער נישט ריכטיגע קאָנקורענץ איז עליל חרוב צו מאַכען צעהנדליגער פאַמיליעס.

געה איך אַזוי אין גאַס און זעה ווי עס שטעהען צוויי גרויסע וואַגען'ס אָנגעלאָדעוועט מיט גלאַז און די אייגענטימער פון די וואַגען'ס קריגען זיך. לויפט איינער אַריין אין אַ געוועלב לייזען אַ ביסעל סחורה, לויפט באַלד נאָך דער צווייטער און פערקויפט עס פאַר האַלב נעלד, שווייגט דאָך דער ערשטער אויך נישט און במילא לייגען שוין ביידע קאָנקורענטען צו דאס געלד און די פאָלגען פון אַזאַ האַנדלען לאָזען נישט לאַנג וואַרטען אויף זיך.

די דאָזיגע קאָנקורענץ איז זעהר שעדליך און היות ווי די דאָזיגע גלאָזקאָנקורענטען זענען דוקא נישט קיין לאָבוזעס נאָר אָרענטליכע מענשען, האָט די דאָזיגע זעהר נישט אַנשטענדיגע קאָנקורענץ, אַרויסגערופען זעהר פיעל פערדרוס און עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז מען זאָל די דאָזיגע קאָנקורענץ אַ ביסעל אָרדנען.

כ'לעבען, ס'וואָלט געווען אַ יושר.

שמחות ביי יודען...

דער צווייטער פּראָגראַם וואָס, „אַררט" האָט אונז געגעבען, האָט געהייסען „שמחות ביי יודען" און דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז ער איז נישט געווען אַזוי געלונגען. דער פּראָגראַם, „מ'לאַכט פון דער וועלט", איז געווען מיט אַ סך פּראָצענט בעסער. הפנים, אַז ווען די כאַליאַסטרע, לאַכט פון דער וועלט, פון דער נאַרישער נישט סימפּאַטישע מענשהייט קומט עס אַרויס עכט, אָבער ווען זיי ווילען אונז ווייזען, ווי עס זעהען אויס שמחות ביי יודען, קומט עס אַרויס נישט גלענצענד, ווארים, וואָס מ'שטיינס געזאָגט, קענען זיין ביי יודען שמחות?

דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט אַ שטיקעל שמחה, ווארים אויף דער פאָרשטעלונג האָב איך געזעהען אַזעלכע געסט, וואָס זענען נאָך קיינמאָל אין יודישען טעאַטער גישט געווען און אויב דעם „אַררט" איז געלונגען די דאָזיגע חברה אַריינצוקריגען אויף זייערס אַ פאָרשטעלונג, איז דאָס אַליין שוין אַ גרויסע שמחה.

מען בעט צו מנין...

פערגאַנגענעם שבת אָוונד, איז אין קאַמעראַל טעאַטער פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון דעם יונגסטען חזן און זינגער אין דער וועלט, פון דעם 8 יעהריגען חזנד'ל, נחומ'ל עפּשטיין.

ליידער האָט ער געהאַט וועניגער נאָך ערפאָלג פון אַלע חזנים וואָס האָבען לעצטענס ביי אונז גאַסטראָלירט.

כ'ווייס נישט וואו עס ליגט די שולד, אפשר דערפאַר ווייל ער איז וועניג רעקלאַמירט געוואָרען (אין דער פּרעסע האָט מען אינגאַנצען וועגען איהם נישט געשריבען) צו דערפאַר ווייל אין אונזער שטאָדט זענען איבערהויפּט נישט פערהאַנען קיין בעלנים אויף אַזעלכע זאַכען. אַ פאַקט איז, אַז צום קאָנצערט זענען געקומען איינצעלנע געצעהלטע מענשען.

האָבען די אָרגאַניזאַטאָרען פּשוט אַריינגעבעטען מענשען פון גאַס, אַז מען זאָל זיי צוליב טהון און אַריינגעהן אין טעאַטער אומזיסט אַבי עס זאָל זיין אַ מנין.

כאָטש דאָס יונגעל זינגט הערליך שעהן, איבערהויפּט אַ פאָלקס-ליעדעל זינגט ער זעהר בעטעמט, מיט דעם אמת'ן פאָלקסטימליכען חן. קיין ערפאָלג האָט ער אָבער נישט געהאַט און מען האָט געמוזט אַריינבעטען די געסט, כדי משלים צו זיין אַ מנין.

די זענען נישט געקומען, יענע האָט מען נישט איינגעלאַדען.

די וואָך זענען דורך אונזער שטאָדט אַדורכגעפאָהרן די ניין וואַרשעווער יודישע ציקליסטען פון הפּועל קיין ארץ-ישראל.

איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג אין לאָקאַל פון דער יודישער קהלה, כדי

מיט דער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט אין אויצוב

פערגאַנגענע וואָך האָט די היגע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט איינגעאָרדענט דעם ערשטען וויטשטרעקיגען אויספלוג אין לויפענדען סעזאָן, אין וועלכען עס האָבען אַנטייל גענומען אַנ׳ערך פון 25 פערזאָן.

נישט קוקענדיג, וואָס אונזער אויטאָבוס איז געווען פול געפאַקט און זעהר נישט בעקוועהם, איז פונדעסטוועגען די שטימונג געווען אַ מונטערע און האט געמאַכט פערגעסען אין אַלע אונאַנגענעהמליכקייטען, אַפילו אין דער שעה׳דיגער פערשפעטיגונג פון אונזער אָבפאָהר און אין די בלאָנדזשערייען אויפ׳ן וועג—ווי דער תועי מדבר—צוליב די „גרויסע לאַנדקענטשאַפטליכע ידיעות" פון אונזערע מדריכים, אַזוי, אַז די רייזע האָט נישט לענגער געדויערט ווי 9 שעה.

קומענדיג אָבער קיין אויצוב, זענען די אַלע „רייזע-צרות" פערגעסען געוואָרען כהרף-עין.

פאַר אונזערע אויגען האָט זיך די נאַטור ענטפלעקט אין איהר פולער פראַכט. מיר זענען ענטציקט געוואָרען פון דער מאַלערישער און רייכפאַרביגער אומגעגענד, פון דעם „כעלמאַנסקער" באַרג האָבען מיר אַרומגענומען מיט אונזער ראיה דעם הערליכען קראַנץ פון געבערג, צווישען וועלכע עס שלענגעלט זיך אַ לאַנגער שאָסע.

אין די דאָזיגע בערג האָבען מיר בעזוכט איינינגע אינטערעסאַנטע הייל'ן און שאָסען פון די אַמאָליגע פוילישע מלכים און פירשטען, אין וועלכע עס געפונען זיך שפורען פון די ליידען, וואָס עס האָבען געהאַט אויסצושטעהן די וואַסאַלען פון זייערע הערשער.

די פערשידענע גרובען זענען היינט שטומע עדות פון די רציחות, וועלכע ס׳זענען בעגאַנגען די מאַגנאַטען איבער זייערע אונטערטאַנען, וועגען וואָס די היסטאָריע פערשווייגט.

נאָכ׳ן אָבסערווירען די וואונדערליכע שקיעת-החמה אויף די בערג, וועלכע בעזיצט—ווי בעוואוסט—איהר אייגענאַרטיגען רייץ—זענען מיר אַראָבגעגאַנגען אין „פראַנדניצקי טהאל".

צוואָרפען צווישען די בערג האָבען געפינקעלט די עלעקטרישע לעמפלעך פון די פענסיאָנאַטען און ווילעס וואָרפענדיג שאָטענס אויף די גרויע פעלזען-בערג.

אין דער לופטען האָבען געהילכט די געזאַנגען פון אונצעהליגע טוריסטען, וועלכע האָבען גרופענווייז אַרויפגעשטיגען אויף די קעפ פון די בערג. די געזאַנג-קלאַנגען האָבען זיך אָבגעשלאָגען אין די פעלזען-ווענד און פערשלינגען געוואָרען אין דער נאַכט-פינסטערניש.

זאַט פון איינדריקען און צופרידענהייט האָבען מיר זיך אומגעקעהרט נאָך טשענסטאָכאָוו.

אגב איז כדאי צו בעמערקען, אַז אין אויצוב זענען בכלל נישט פערהאַן קיין יודישע איינוואוינער און קיין יודישע געשעפטען.

אויף דער אַדרעס פון דער לייטונג מוז איך לײדער צוגעבען, אַז זי איז נישט געווען קיין געהעריגע און עס לאָזט זיך אין דער הינזיכט פיעל ווינשען.

י. פּישער

מרדכי קויפמאַן.

די ענטוויקלונג פון יודישען טעאַטער.

— 5. —

אין דער זעלבער צייט, ווען גאָלדפאַדען איז אַרומגעפאָהרען מיט יודיש טעאַטער איבער רומעניען און רוסלאַנד, געשריבען פיעסען, אַליין פערפאַסט מוזיק, געווען דירעקטאָר און אייזערנער דיקטאַטאָר איבער זיינע אַקטיאָרען, וועלכע ער האט איבער נאַכט געמאַכט און גאַנץ אָפט געטוישט — האָבען זיך אויך בעוויזען יוסף לאַטיינער און משה הורוויטש, וועלכע האבען געזעהן, אַז יודיש טעאַטער איז אַ גוט געשעפט און האבען זיך אויך גענומען צו דעם „מסחר". לאַטיינער׳ס ערשטע זאַך איז „יענטע די פּיפּערנאַטערין", שפעטער האָט ער איבערגעאַרבייט די יודיש-דייטשע פיעסע „נאַטהאַן שלומיאל" און אַ נאָמען געגעבען „שמואל שמעלקעס"; „די ליעבע פון ירושלים", וואָס זאָל זיין איבעראַרבייט פון מפו׳ס „אהבת ציון" און ווערבעל׳ס „חולדה ובור". לאַטיינער איז אויך אַרויסגעפאָהרען מיט פערשידענע טרופּעס איבער רומענישע און רוסישע שטעדט.

משה הורוויטש איז אויך געווען דירעקטאָר און שפילער פון אַ טרופּע מיט גראָדנער׳ן אין דער שפּיץ — פון זיינע זאַכען האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט דער פיעסע „דאס פּוילישע יונגעל", וואָס איז אַ לאַנגע צייט נישט אַרויס פון רעפּערטואַר.

מיט פיעל יאָהרען שפּעטער, ווען אין אַמעריקאַ האָט זיך אָנגעהויבען שאַפען דאס בעסערע יודישע טעאַטער אין דער שפּיץ מיט יעקב גאָרדין, קאָברין, אָסיפּ דימאָוו א. א. וועלכע האָבען אָנגעהויבען אַרויסשטויסען ז׳עם שונד פון גאָלדפאַדען, לאַטיינער און הורוויטש—האָט זיך אויפגעהויבען אין דער פּרעסע אַ ברייטע דיסקוסיע וועגען מהות פון טעאַטער, איהר אויפגאַבע און ציעל, האָט זיך גאָלדפאַדען פערענטפערט, אַז ביים שטעלען די ערשטע טריט האָט דאס יודישע טעאַטער געמוזט אַזוי אויסזעהען, נעמענדיג אין אַכט, אַז אַלץ איז נאָך געווען אין די ווינקעלעך, דאס פאָלק נאַר-וואָס אַרויס פון געטאָ, די אַרטיסטען נישט קיין געשולטע — איז דאס שאַפען פון דעם מין רעפּערטואַר, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דעם אַלעמען געווען אַ „מוז".

פון דעם אַלעם איז צו זעהען, אַז ביים ענטשטעהן און שאַפען דאס יודישע טעאַטער, איז באַלד ביים אָנהויב צווישען דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער זייט געווען אַ גרויסער אונטערשיעד, פון וועלכען ס׳איז אויסגעוואַקסען אַ תהום. פיעל ביישפּיעלען צו דעם געזאָגטען זענען איבריג. אינדערצייט, ווען פאַר גאָלדפאַדענען האָבען די ערשטע דראַמען-שרייבער אויף יודיש געהאַט פאַר זייערע אויגען די לעבעדיגע יודישע ווירקליכקייט, געהאַט אַ אידעע, בעהאַנדעלט אין זייערע זאַכען געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען, אויפגעוויזען די שלעכטע, נעגאַטיווע זייטען פון דעם יודען און געשטרעבט דאס אַלץ אויסצובעסערן; די ביהנע האָבען זיי געזעהן אַלס פּלאַץ און טריבונע, פון וועלכער מען קען רעדען צו דער יודישער געזעלשאַפט און איהר אויפקלערען, ערציהען, מאַכען בעסער, בעוואוסטזיניגער און קולטורעלער, האָבען אין דער שפּעטערדיגער צייט די נאָכפאָלגער, ווי: גאָלדפאַדען, לאַטיינער און הורוויטש, ביים אָדורכפיהרען די פּראַקטישע זייט, געענדערט דעם מהות און פּרצוף פונ׳ם יודישען טעאַטער.

אַנשטאַט קונסט איז געוואָרען שונד, אַנשטאַט אידעע—קאַסע. דאס יודישע טעאַטער איז באַלד ביים אָנהויב געגאַנגען אויף אַ שלעכטער, פאַלשער ליניע און פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קרעמעל, פון וועלכען מען האט בלויז געצויגען מאַטעריעלען נוצען און געדיענט אַלס פּערזענליכער צוועק.

דערפאַר איז לייכט צו פערשטעהן פאַרוואָס דאס יודישע טעאַטער — ביז דער צייט, ווען ס׳איז נישט געשאַפען געוואָרען דאס בעסערע דראַמאַטישע טעאַטער — איז געווען דער „טעמפּעל" בלויז פון עמך, פון עמי-הארצים, וועלכע האבען דאָרט געפונען די אַבסאָלוטע „גייסטיגע" בעפרידיגונג און זיך גאַנץ גוט דאָרט אויסגעלעבט—אינדערצייט, ווען די יודישע אינטעליגענץ און דער בעסערער טייל יודען האבען פון דעם דאָזיגען טעאַטער געוויכט.

דער געשיכטע-שרייבער פונ׳ם יודישען טעאַטער ב. גאָרין דערצעהלט, אַז ווען אברהם גאָלדפאַדען איז געקומען קיין מאָסקוואַ אין די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט מיט זיין טרופּע שפּילען יודיש טעאַטער, איז די גאַנגבאַרסטע סחורה געווען „שמענדריק" און דאס פּובליקום, וואָס האָט בעזוכט די דאָזיגע פאָרשטעלונג איז געווען אַ געמישטעס. אַ העלפט בעזוכער איז געווען פון קריסטען, וועלכע האָבען זעהר געקוואָלען און זיך געקוויקט פון דעם שטיק און נאָך עטליכע פאָרשטעלונגען האָבען זיי אָנגעהויבען בעגריסען די מאָסקווער יודען מיט׳ן נאָמען „שמענדריק", וואו זיי האָבען נאָר בעגעגענט אַ יוד אויף דער גאַס האָבען זיי איהם גערופען שמענדריק. דאס האָט זעהר אויפגערעגט די מאָסקווער יודישע אינטעליגענץ, וועלכע האט פאָרגעוואָרפען גאָלדפאַדענ׳ען, אַז מיט אַזעלכע שטיקער ברענגט ער נאָר חרפּות דעם יודישען פאָלק. גאָלדפאַדען האָט זיך דאס גענומען צום הארצען און נאָך דריי חדשים שפּילען האט ער פערלאָזען מאָסקוואַ.

מען קען נישט בערעכטיגען דעם פאַקט, אַז דער מין רעפּערטואַר איז געווען אַ נויטווענדיגקייט צוליעב דעם, וואָס די בעזוכער האָבען אַזעלכעס געפאָדערט און די אַקטיאָרען האָבען נאָך נישט געוואוסט דעם אלף-בית פון שפּילען בעסער טעאַטער. דאס האָט מען געקענט לערנען. נישט קיין וואונדער דעריבער וואָס דאס יודישע טעאַטער איז געוואָרען אַ הפקר - זאַך און דער גרעסטער טייל אַרטיסטען פון די שפּעטערע דורות זענען געווען אויף דער ביהנע דרעגגער, גראַמאָפאָנען, זיי האָבען געהאַט פון וועמען זיך אַ ביישפּיל צו נעמען. גענוג געווען, אַז אַ יונגעל, וואָס האט אין חדר נישט געוואָלט געהן זאָל די אַרטיסטען ברענגען דעם רעקוויזיט און אָבטראָגען די וואַליזעס, אום ער אַליין זאָל באַלד ווערען אַנ׳אַקטיאָר.

ס׳וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען,

אַקטועל פאַר׳ן סוחר׳טום. ער בעלויכט די פערשידענע פראַגען וועגען איינמאַהנען חובות, וועגען די געזעצליכע רעכט פון קרעדיטאָרען, אויך וועגען אופּאַדלאָשטש און בכלל וועגען דעם יעצטיגען מצב אין האַנדעל.

דער רעפעראַט איז אַ ריין-וויסענשאַפטליכער און ערטיילט גענוג אינפאָרמאַציעס, וואָס יעדער סוחר דאַרף אומבעדינגט וויסען.

דער ציעל פון רעפעראַט איז אין אַלגעמיין צו בעקענען די פעראינטערעסירטע מיט די בעציהונגען אין האַנדעל און אויסצומיידען אַ סך פאַלשע שריט.

דער רעפערענט בעט דאַן די אַנוועזענדע, אַז זיי זאָלען איהם שטעלען פראַגען, אויף וועלכע ער וועט געבען ערקלערונגען.

עס ענטוויקעלט זיך דאַן אַ דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אַנטייל די ה״ה אַדוו. וואָלאָשינסקי, ז. שטילער, אַדוו. קאַנאַרסקי, ל. קאַפּינסקי, ראַטמאַן קוויאַטעק און פּרעזעס נייפעלד, דער פּרעלעגענט ענטפערט אַלע און ערגענצט זיין זעהר בעלעהרענדען רעפעראַט.

נאָכדעם ווי ראַטמאַן קוויאַטעק ערקלערט, אַז אויב דאס טשענסטאָכאָווער סוחר׳טום וועט זיך אינטערעסירען מיט די ווירטשאַפטליכע ערשיינונגען וועט די האַנדעלס-קאַמער אָפטער איינאָרדנען רעפעראַטען, ערקלערט פּרעזעס נייפעלד די פערזאַמלונג פאַר געענדיגט.

ל. ק.

צו שאַפען דעם קבלת פּנים קאָמיטעט.

צו דער דאָזיגער פערזאַמלונג זענען געקומען פאָרשטעהער פון אַ רייהע ספּאָרט-קלובען און אַנדערע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס. און הערט און שטוינט. אין דעם ריין נאַציאָנאַלען יום טוב האָבען אויך אַנטייל גענומען די לינקע פּועלי ציון, ד. ה. נישט חס ושלום אַלס פּאַרטיי, ־דאָס וואָלט שוין געווען צו פיעל קאָנטר-רעוואָלוציע, נאָר היות ווי זיי האָבען אַ ספּאָרט-קלוב, זענען זיי געקומען אַלס פאָרשטעהער פון קלוב.

נישט געקומען זענען די פאָרשטעהער פון די ספּאָרט-קלובען: י. ט. ס. פ. און „וואַרטאַ", וועלכע האַלטען, אַז אַ יום טוב מאַכט מען פון די יעניגע, וועלכע האָבען שוין עפּיס בעוויזען, אָבער אונזער ציקליסטען פון „הפּועל" ווילען דאָך ערשט פאָהרען, נו, זאָל מען וואַרטען, ווען זיי ווילען צוריקקומען. כ׳ווייס? אויך אַ שטאַנדפּונקט.

דער וואונדער איז נאָר, פאַרוואָס האָט מען אין דעם עכט נאַציאָנאַלען יום טוב, איבערהויפּט ווען עס האָט אַ שייכות מיט ארץ-ישראל, פאַרוואָס עס האָט זיך נישט בעטייליגט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, כאָטש זיי זענען זעהר העפליך איינגעלאַדען געוואָרען, און נאָך מעהר אַ וואונדער איז, פאַרוואָס מען האָט נישט איינגעלאַדען די זעהר פערצווייגטע אָרגאַניזאַציע פון די היגע רעוויזיאָניסטען. ווי מיר שיינט האָבען זיי אויך עפּיס אַ שטיקעל שייכות צום אויפבוי פון ארץ-ישראל.

די דאָזיגע פראַגע איז טאַקי בעריהרט געוואָרען אויף דער זיצונג. די איניציאַטאָרען האָבען אָבער זייערע פּאָליטישע חשבונות און האָבען זיך נוקם געווען אין זייערע פּאָליטישע געגנער.

האָט דאָס טאַקע אַרויסגערופען אַ בייגעשמאַק, ווארים, אויב מען וויל זיך אָברעכענען מיט פּאָליטישע געגנער איז נישט דאַ געווען דאָס אָרט.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין זענען אומעטום פערהאַנען מכשולים. די וואָס מען האָט איינגעלאַדען זענען נישט געקומען און די יעניגע, וואָס וואָלטען בעשטימט יאָ געקומען, האָט מען נישט איינגעלאַדען.

אויס קריזיס...

ווער עס זאָגט, אַז היינט איז אַ קריזיס איז נישט גערעכט. און איבערצייגען אין דעם האָט איהר זיך געקענט אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען פערגאַנגענעם זונטאַג אין דער יודישער קהלה, וואו עס זענען געקומען בוכשטעבליך 10 פערזאָן.

וואָס איז דאָך משמע, אַז קיין קריזיס איז נישט פערהאַנען און במילא איז אַ אונזין אויפצוהאַלטען דעם קאָמיטעט און דערפאַר האט קיינער נישט געפונען פאַר נויטיג צו קומען.

דער פאָרזיצער האָט עס אַפילו מאָטיווירט, אַז היות ווי די אַלע מיטגלידער זענען פערנומען אויף דער „גרויסער" סוחרים-פערזאַמלונג, וואָס קומט פאָר אין דער זעלבער צייט אין פייערלעשער-זאַל, נאָר איך וועל אייך באַלד פון דעם טעות אַרויסנעמען (לעזט דאס צווייטע קאַפּיטעל.

סיי ווי זענען אויף די דריי הונדערט און עטליכע צוואַנציג איינלאַדונגען געקומען בסך-הכל 10 פערזאָן. אויב אַזוי איז אַ סימן, אַז מיר לעבען אין גוטע בעדינגונגען און עס איז אויס מיט׳ן קריזיס...

די סוחרים - פערזאַמלונג אָהן סוחרים...

נאָך דער אויבענדערמאָנטער נישט צושטאַנדגעקומענער פערזאַמלונג בין איך אַוועק זוכען אונזערע יודישע סוחרים אויף דער גרויסער פערזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פייערלעשער זאַל, נאָר אויך דאָרט האָב איך זיי לײדער נישט געפונען.

אויסער עטליכע צעהנדלינג סוחרים צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אויך געצעהלטע יודען איז קיינער נישט געווען, כאָטש די רעפעראַטען זענען געווען זעהר אינטערעסאַנט און האָבען אַ בעדייטונג פאַר׳ן סוחרים לעבען האט עס זיי זעהר ווייניג אינטערעסירט. הפּנים, אַז אויך די סוחרים, האָפּען שוין נישט אויף די גרויסע גליקען, וואָס זיי וועט אַרויסקומען פון די אַלע רעפעראַטען.

זיי האָבען שוין נישט וואָס צו ראַטעווען...

„יאַק בידאַ, טאָ דאָ זשידאַ"

אין לעצטען נומער פון אונזער צייטונג איז דורך אַ בריעף אין רעדאַקציע בעריהרט געוואָרען די פראַגע וועגען אָנפאַלען וואָס זענען פאָרגעקומען פאַראַיאָהרען אויף די יודען אין אָסטראָוו.

דער דאָזיגער בריעף האט בעוואוינען די קריסטליכע בעלי - בתים און זיי האָבען זיך געוואַנדען צום היגען רב מיט אַ ביטע, אַז יודען זאָלען ווייטער ביי זיי דינגען וואוינונגען אויפ׳ן זומער און זיי גאַראַנטירען פאַר דער זיכערהייט און רוה.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז די גאַראַנטיע וועט מוזען זיין אַ געזיכערטע, ווארום אַנדערש וועט דאָך קיינער נישט וועלען איינשטעלען דאס לעבען, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין האָבען זיי זיך דערשראָקען און זענען געקומען מיט תחנונים, אַז מען זאָל זיי נישט אַוועקוואַרפען און ביי זיי דינגען.

„יאַק בידאַ, טאָ דאַ זשידאַ".

אַז ער וויל נישט קיין עליה ?

מען דערצעהלט מיר אַ כאַראַקטעריסטישען פאַקט, וואָס איז זיך פערלאָפען שבת אין דער שטאָדט-שוהל.

דער מתפּלל ה׳ א—ן האָט בעקומען אַ טעוועלע, וואָס איז משמע, אַז מען איז איהם מכבד מיט אַנ׳עליה. יענער אָבער האט זיך נישט אָבגערופען און ווען מען האָט געלייענט אין ספר האט ער זיך אַרויסגערוקט פון שוהל.

דער בעל-קורא גיט אַ רוף אויף יעמוד ר׳ פּלוני, נאָר קיינער רופט זיך נישט אָן. מען שרייט נו נו, און לאַין ברירה האט מען געמוזט אויפרופען אַ צווייטען.

שפּעטער, ווען מען האָט איהם געפרעגט היתכן? האָט ער געענטפערט, אַז ער איז מוחל, אַז ער וויל נישט קיין עליה...

פאַרוואָס איז דאס ?

איך וויל מאַכען אַ בעמערקונג אויפ׳ן חשבון פון די סאָדע-וואַסער פערקויפער.

פאַרוואס קאָסט דאָ אַ קליין גלעזעלע ריין וואַסער 5 גראָשען, אַ גרעסער גלעזיל 10 גר., ווער שמועסט לעמאָניאַדע, קאָסט 15 גראָשען אַ גלעזיל, אין דער צייט, ווען אין וואַרשאַ, לאָדז און אַנדערע שטעדט קאָסט אַ גרויס גלאָז וואַסער 5 גר.

צי איז באמת טשענסטאָכאָווער וואַסער אַזוי טייער, וואָס מען מוז נעמען אַזאַ גרויסען פּרייז.

אין די זומער-חדשים און איבערהויפּט אין דער יעצטיגער שווערער צייט איז דאס אויך אַ חשבון. איז דעריבער די פראַגע: פאַרוואָס קאָסט עס אַזוי טייער?

זאָל זיין מיט מזל.

ווי מען גיט אונז איבער איז אין קליינהענדלער-פעראיין פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש, דהיינו, די וועלכע האָבען די לעצטע צייט אָנגעפיהרט מיט די מחלוקות זענען בעזייטיגט געוואָרען און איצט קומט פאָר אַ רעאָרגאַניזאַציע, אַזוי, אַז דער פעראיין וועלכער האט לעצטענס געליטען פון אינערליכע אַרומרייסענישען וועט ווערען געזונד און וועט דינען די אינטערעסען פון די מיטגלידער.

די פערוואַלטונג האָט קאָאָפּטירט און אויסגעוועהלט אַלס פּרעזעס דעם דאָזאָר ה׳ יעקב ראָזענבערג און נאָך האָבען זיי אַריינגעצויגען צו דער אַרבייט אַ רייהע אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען.

די קליינהענדלער, וואָס האָבען ביזיעצט געליטען צוליעב דעם כאָאָס וואָס האט געהערשט אין פעראיין האָבען מיט בעגייסטערונג אויפגענומען די ידיעה וועגען די נייע כוחות, וואָס הויבען אָן מיטאַרבייטען אין פעראיין און האָפען, אַז איצט וועט די אַרבייט אַוועקגעהן גוט און וועט ברענגען גרויס נוצען די אַלע הונדערטער מיטגלידער.

זאָל עס זיי זיין מיט מזל. כ׳לעבען, עס איז שוין די העכסטע צייט!

העסליכער אַנטיסעמיטיזם.

ה׳ בוכמאַן דערצעהלט מיר פאָלגענדען פאַקט:

יענע וואָך איז איהם אויסגעקומען צו זיין אין דאָרף קאַמין נעבען ווירצערפ וואו ער האט געלייזט אַביסעל סחורה אין אַ קריסטליך געוועלב. דערווייל איז אָנגעקומען אַנ׳אַגענט פון דער פּויזנער פירמע „מאַגי", וועלכער האט בעמערקט ווי דער יוד לייזט ביים קריסט, האָט ער אָנגעהויבען צו. זידלען דעם יוד, אַז די יודען שלעפּען אַרויס ביי די קריסטען דאס גאַנצע געלד און דעם קריסט געהאַלטען אַ לעקציע פון דמאָווסקי-לעקסיקאָן.

אַזוי האָט ער די גאַנצע צייט געשאָלטען און געזידעלט יודען.

דאס האָט אָבער נישט געשאַדט, אַז ווען דערזעלבער אַנטיסעמיטישער אַגענט איז אַריין אין די יודישע פירמעס האָט ער אַרויפגעצויגען אויף זיין פּרצוף אַ זיס שמייכעלע, וואָס האָט געבענשט מיט פרומע ברכות. באַלד אָבער ווען ער איז אַרויס פון דעם יודישען געשעפט און ער האָט בעגעגענט דעם יודישען סוחר לייזען, האָט ער איהם געשאָלטען און געזידעלט און זאָגאַר גענומען זיך שלאָגען דעם יוד.

אָט אַזעלכע זענען די אַנטיסעמיטישע אַגענטען, וואָס לייזען ביי יודען.

לויתן

אַז די גאָלדפאַדען-תקופה איז געווען פול מיט בלויז שונד-רעפּערטואַר. עס האָבען זיך אין יענער צייט בעקענט מיט'ן יודישען טעאַטער און אָנגעהויבען שרייבען פאַר איהם ערנסטע ליטעראַרישע זאכען די בעריהמטע דיכטער: קאצענעלבאָגען, ליליענבלום, שמ"ר (מאיר שייקעוויטש) און לערנער. זיי האבען נישט געהאלטען פון דער שיטה: אראָבנידריגען צום המון, נאָר איהם ארויפהויבען צו זיך. קאצענעלבויגען מיט זיין דראמע „רשי"; ליליענבוים מיט זיין „דוואָיעזשאָנעץ"; ליינעצקי האָט איבערזעצט לעסינגס „נאַטהאן דער ווייזע"; שמ"ר האָט אינסצעניזירט זיינע אייגענע ראָמאַנען: „דער יודישער פריץ", „קאטאָרזשניק", „דער פּראָצענטניק". לערנער האָט איבערזעצט פון פראנצויזיש סקריב'ס „די יודין" (אין פויליש בעקאנט אלס אָפּערע: „זשידובקא" אין האלעווי'ס מוזיק) און פון דייטש איבערזעצט גוצקאָוו'ס „אוריאל אקאָסטא", וואָס איז געשפּילט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג און ביז די לעצטע יאהרען נישט ארויס פון רעפּערטואַר.

דאס אלץ צוזאמען האָט אין דער אזוי-גערופענער גאָלדפאַדען-תקופה געשמידט די רייהען פונ'ם יודישען טעאַטער, פון וועלכען ס'זענען ארויסגעוואקסען עטליכע דורות יודישע אקטיאָרען אויף ביידע זייטען ים און פיעל פון זיי — בעריהמטע שוישפּילער.

ווי זעהט אויס דאס יודישע טעאַטער ביים היינטיגען טאָג?

וועגען דעם — אינ'ם לעצטען קאַפּיטעל.

א. גאָלדין

מיר דערמאנען און מאָהנען!

(צו דער אַקציע פון דער „יתומים-וואָך").

איינמאל אין יאהר, אין דער „וואָך פון יתום", קומט צו די יודישע עפענטליכקייט דער פערבאַנד פאַר יתומים און קינדער-פערזאָרגונג „צענטאָס" און דערמאנט דעם ברייטען עולם, דורך אויפרופען, פלאַקאטען און בראָשורען, דורך פלוג-בלעטלעך, רעפעראַטען און עפענטליכע ארויסטרעטען, דורך בעלער און פאַמיליען-אָווענדען, דורך דרשות און נדרים, וועגען אַ בעשיידענע אָרגאַניזאַציע, וועלכע בעזאָרגט פיעל טויזענדער פערוואָרלאָזטע קינדער און יתומים.

אָהן געפילדער, מיט טאָג-טעגליכער מסירת-נפש ווערט געלייגט אַ ציגעל צו אַ ציגעל צו אויסבויען דעם בנין פון א יודישער קינדער-פערזאָרגונג. אָהן רעקלאַמע ווערט געפיהרט אוּנאויפהערליך דער קאַמף פאַר אַנערקענען די רעכט פון שוואַכען, שוצלאָזען קינד. אוּנגעהויערע אַנשטרענגונגען מוזען געמאַכט ווערען, כדי צו בעזאָרגען די בעדערפנישען פון די קליינע קינדער ביז צום מאָמענט פון זייער זעלבסטשטענדיגקייט. א שטילע בעשיידענע ארמע פון עטליכע טויזענד קאַמיטעט-מיטגלידער פיהרט א מלחמה פאַר'ן קיום און ענטוויקלונג פון די קינדער און בעמיהט זיך, אַז זיי זאָלען בעקומען אלץ, אין וואָס זיי נויטיגען זיך און זאָלען דערצויגען ווערען אזוי, אַז די געזעלשאַפט זאָל פון זיי האָבען נחת.

און איינמאל אין יאָהר, אין דער „יתומים-וואָך" געהן די דאָזיגע זעלנער אין עפענטליכע ערטער און פון שטוב צו שטוב און דערמאנען אלע, אַז מיר טהון אַ גאַנץ יאָהר זעהר ווייניג פאַר'ן שוצלאָזען קינד, אַז אפילו אין די שווערסטע צייטען פערדינט דאס שוואַכע קינד אונזערע אַ מחשבה, אונזערע אַ דאגה וועגען איהם; און אַז צו די ניין און נייגציג דאגות פון יעדען פון אונז מוז צוקומען נאָך אַ הונדערטסטע דאגה — די דאגה און זאָרג פאַר'ן יתום.

שווער איז יעצט דער וועג פונ'ם פערבאַנד פאַר יתומים-פערזאָרגונג. עס ווילט זיך איינהאַלטען אַלע ערוואָרבענע פּאָזיציעס און נישט לאָזען אונטערגעהן קיין שום קינדער-אינסטיטוציע. ס'ווילט זיך אפילו פערברייטערן די ראהמען פון דער אַרבייט און געבען שוץ אויך יענע קינדער, וועלכע קלאַפּען אין די טירען און וועלכע עס דראָהט אַ סכנה פון אונטערגאַנג.

און ווען מיר אַלע וועלען די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס נישט אונטערהאַלטען, נישט דערלאַנגען די האַנד די דאָזיגע שטילע עסקנים, וועלכע וועלען קומען צו אונז און דערמאנען אונזער חוב און מאָהנען דעם חוב צו ערפולען וועלען מיר זיין די זינדיגע, וועלכע וועלען אפשר גורם זיין, אַז די קינדער-פערזאָרגונג זאָל נישט ערפילען איהר אויפגאַבע, די אויפגאַבע פון אַרבייטען בעשיידען, אָבער אינטענסיוו ווי אַ שטילע גוטע מאַמע, לטובת דעם פערוואָרלאָזטען קינד, לטובת דעם יתום — לטובת דער געזעלשאַפט פאַר אונזער אייגענער טובה וועגען!

מיר דערמאנען און מאָהנען!

די צווייטע יעהרליכע יוגענד = קאָנפערענץ פון קרן קימת.

די יוגענד - קאָנפערענצען פון קרן קימת האבען שוין זייער טראַדיציע, דינענדיג אלס וויכטיגער ענטוויקלונגס-עטאַפּ אין דער אַרבייט פון דער יוגענד לטובת זייער בעליבטען פאָנד. אין די לעצטע יאהרען פערשטאַרקט זיך אַלץ מעהר די טעטיגקייט פון די יוגענד-אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם קרן קימת און זייערע הכנסות בילדען 55 פּראָצענט פון די אַלגעמיינע איינקונפטען. דער דאָזיגער פאקט לעגט אַרויף דאָפּעלטע אויפגאבען סיי אויף דעם קרן קימת און סיי אויף דער יוגענד.

דעם 15 מאי ה. י. איז פאָרגעקומען אין ווארשא די צווייטע יעהרליכע יוגענד-בעראַטונג. די קאָנפערענץ עפענט דער לייטער פון דער פוילישער צענטראַל-ביוראָ ה' א. בלאָך און רעפּערירט וועגען דער אלגעמיינער לאַגע פון קרן קימת אין דער וועלט און אין א"י בכלל און אין פוילען בפרט. אין דער ערשטער העלפט פון תרצ"ב פערנעמען די אָרגאַניזאַציעס לויט דער רייהע די פאָלגענדע ערטער אין די הכנסות פון קק"ל.

אַלגעמיינע ציוניסטען, השומר הצעיר, ביתר, השומר הלאומי, החלוץ, גורדוניה, החלוץ הצעיר, צעירי מזרחי, התאחדות, פרייהייט, רעוויזיאָניסטען, מזרחי, פועלי ציון, החלוץ המרכזי, מכבי.

ה' ר. צעדערבוים רעפּערירט וועגען די ערציהערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט פון דער יוגענד-אָרגאַניזאַציע ביי דער צענטראַלע.

זעהר פיעל אויפמערקזאַמקייט האָבען צוגעצויגען די בעריכטען פון די צענטראַלע קאָמיטעטען, וועלכע עס האבען איבערגעגעבען די חברים: ראַוויצקי (השומר הצעיר), כרוסט (ביתר), שפּירא (השומר הלאומי), ראָזענשטיין (החלוץ), האדעס (גורדיניה), בערדיטשעווסקי (החלוץ הצעיר), שערף (פרייהייט), דיקעס (מכבי).

פון די בעריכטען איז צו זעהען, אַז די געשאַפענע קק"ל רעסאָרטען ביי די צענטראַלעס ענטוויקלען א אינטענסיווע אַרבייט. לעצטענס זענען אויך געשאַפען געוואָרען ראַיאָן-רעסאָרטען פון קק"ל.

וועגען דעם „קרן קימת און ערציהונג פון דער יוגענד" האָט רעפערירט ד"ר צבי זוהר. דער רעפערענט האט אנאליזירט די נאציאָנאלע און סאָציאַלע יסודות פון קרן קימת און ווייזט אָן ווי אזוי מען דאַרף זיי פערבינדען אין דעם ערציהונגס-סיסטעם פון פערשידענע שיכטען.

דאַן רעפערירט, ה' בלאָך וועגען דער ווייטערדיגער אַרבייט און שלאָגט פאַר א רייהע פאָרשלאָגען, וואָס דאַרפען דינען אַלס יסוד פאַר דער אָרגאַניזאַטאָרישער און פּראַקטישער טעטיגקייט פון דער יוגענד.

אין דער דיסקוסיע האָבען אנטייל גענומען די חברים: דרויאנוב (א"י), פּאָגעלמאַן, ראַדונסקי, שערף, ראַוויצקי, בערדיטשעווסקי, אקסעלראַד, אקסעלעס, זוהר, לוטסערניק א. אנד.

צום שלוס זענען אָנגענומען געוואָרען א רייהע אַלגעמיינע ערציהערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע החלטות. צווישען אַנדערע איז בעשלאָסען געוואָרען: צו פּראָקלאַמירען דעם חודש כסלו תרצ"ג אלס חודש פון קרן- קימת צווישען דער יוגענד, איינשרייבען אין ספר הזהב די יוגענד-אָרגאַניזאַציעס (לכל הפחות 2000 חברים איין הרשמה), צו פערעהרען די חברים פון דער ערשטער שיכט (אין עלטער ביז 24 יאָהר) אַנטיילצונעהמען אין די אויסערע געלד-זאַמלונגען מחוץ די אָרגאַניזאַציעס. ביי בעשטימען עלטערע חברים צו הכשרה און עליה וועט גענומען ווערען אין בעטראַכט זייער טעטיגקייט לטובת דעם קרן קימת.

בדרך כלל האָט די קאָנפערענץ געמאַכט א גוטען איינדרוק און וועט זיכער ווירקען אויף דער פערשטאַרקונג פון דער אַרבייט צווישען דער יוגענד.

דער אימפּאָזאַנטער קבלת = פּנים פאַר די ציקליסטען פון „הפועל".

אין לעצטען נר. פון אונזער צייטונג האָבען מיר געמאלדען, אַז מאָנטאָג ד. 23 ד. ח. 4 נאכמיטאג וועלען די „הפועל"-ציקליסטען אויף זייער רונדרייזע קיין א"י אָנקומען פון פשעדבאָזש קיין טשענסטאָכאָוו.

אין דעם זעלבען טאָג האָט דער קבלת-פנים-קאָמיטעט דערהאַלטען א מעלדונג פון די געסט, דאָס זיי וועלען ערשט אָנקומען 6 א זייגער אָווענד,

צו דער בעשטימטער שעה איז די ציקליסטען-סעקציע פון ס. ק. „אסכלה" ענטקעגענגעפאָהרען ביז נאָך רענדזין. נאכהער איז מיט אַנ'אויטאָ ענטקעגענגעפאָהרען אַ דעלעגאַציע פון קבלת-פנים-קאָמיטעט אין די ה"ה פון ד"ר ע. האָראָוויטש, י. דאַנציגער און אויך פאָרשטעהער פון דער פרעסע.

ביים צוזאמענטרעפען האָט אוּנאָפּיציעל בעגריסט ד"ר האָראָוויטש און מען איז צוגעקומען ביז אויף דער ראָגאַטקע, וואו עס האָט געוואַרט דער קבלת-פנים-קאָמיטעט.

דער פּרעזעס פון קבלת-פנים-קאָמיטעט ה' ד"ר ע. האָראָוויטש ערגענצט זיין אָפּיציעלען טייל פון דער בעגריסונג און דערלאַנגט די ליבע געסט בלומען.

דער פאָרשטעהער פון „הפועל" ה' צוקערמאַן ענטפערט אויף דער בעגריסונג.

דער זעהר רייכער ציקליסטען-צוג, וועלכער ווערט געפיהרט דורכ'ן אויטאָ און מאָטאָציקל, אונטער די קלאַנגען פון פאנפארען דורך די גאַסען וואַרשאָווער, נייער מאַרק, אלעען (ביז צום מאַגיסטראַט), אַלעע וואָלנאָשטשי ביז צום לאָקאַל פון „אסכלה".

דורך דעם גאַנצען וועג זענען אַנוועזענד געווען ריזיגע מאַסען מענשען וועלכע האָבען געקוקט אויף די זעהר יונגע ספּאָרטלער מיט פריילליכע בליקען. אין אַלגעמיין האָט עס געמאכט א זעהר אימפּאָזאַנטען איינדרוק.

אין לאָקאַל פון „אסכלה" האָבען זיך די ספּאָרטלער אָבגערוהט און פערפיהרט מיט די אַנוועזענדע זעהר אינטערעסאַנטע געשפּרעכען וועגען זייער רייזע.

דאַן ווערט איינגעאָרדענט אַנ'אָווענדברויט פאַר די געסט, ווען עס הויבט זיך אָן דער אָפּיציעלער טייל פון אָווענד בעגריסען פאָרשטעהער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט - פעראיינען, ווי אויך פאָרשטעהער פון דער יודישער פּרעסע. אין נאָמען פון אונזער צייטונג בעגריסט ה' ל. קאַפּינסקי דאַן ווערט געמאַכט א פאָטאָגראַפישע אויפנאַהמע.

צומאָרגענס דינסטאג, ל"ג בעומר, האָבען די „הפועל"-ציקליסטען צוזאַמען מיט'ן „השומר" אָבמאַרשירט קיין בלעשנאָ. ביי דער פאַבריק „מאָטעס" האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט און און ד"ר האָראָוויטש געזעגענט זיך מיט די געסט.

די געסט זענען אָבגעפאהרען קיין בענדין אין בעגלייטונג פון די ציקליסטען פון „אסכלה" ביז קאָזשעגלאָוו וואו עס געזעגענט זיי דער ציקליסטען-פיהרער ה. ווייסבלום.

קאָמוניקאַט.

די היגע קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע האָט נאָך יאָהרען פון איהר גרעסטען גלאַנץ, אָנגעהויבען ליידען אַ מאָראַלישע ירידה. לעצטענס זענען מיר געווען עדות פון זעהר נישט קיין עטישע מעשים, וואס זענען אָבגעטהון געוואָרען אויפ'ן חשבון און צום שאָדען פון אונזער אָרגאַניזאַציע און פון די קליינהענדלער גופא.

דער יעצטיגער שווערער מאָמענט האָט פערלאַנגט, אַז אין דער שפּיץ פון דער קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע זאָלען ווערען אוועקגעשטעלט פערזאָנען אָביעקטיווע און עהרליכע, וועמען דער גורל פון די יודישע מאַסען בכלל זענען נאָהנט און טייער.

אין הסכם דערמיט האָט די פערוואַלטונג זיך געוואַנדען צום אַלטען אויסגעפּרובטען יודישען פאַלקס-טהוער ה' יעקב ראָזענבערג, אַז ער זאָל בעוויליגען צו שטעלען זיך אין דער שפּיץ פון אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָס ס'איז אונז נאָך גרויס מיה געלונגען אָדורכצופיהרען. מיר האָבען אויך געגעבען דעם ה' ראָזענבערג „קאַרט בלאַנש" אריינצוציהען אין דער אַרבייט אַנדערע געהעריגע פערזאָנען.

דאָס איז געווען דער איינציגער וועג צוריקצושטעלען אין טשענסטאָכאָוו אַ געזונדע און מעכטיגע קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע.

די פערוואַלטונג.

פּרעזעס: מ. עפּשטיין.

סעקרעטאַר: ש. וויינשטאָק.

וואָרנונג.

שוין פון אַ רייהע יאָהרען געפונט זיך אין אומגאַנג, אין לאָדז, א מיטעל צו פוצען און פּאָלירען מעטאַלען, וואס איז פערזעהען מיט'ן צייכען „סידאר", עהנליך צום רעגיסטרירטען דעם 11.2.27 אונטער'ן נומער 14443 צייכען „סידאָל".

דער פּאַטענטען-אַמט אין ווארשא האָט מיט זיין בעהויפּטונג № 1164.5.31 האָט פּעראָרדענט אונגילטיג צו מאַכען דעם צייכען „סידאָר".

פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן בעריהרען די רעכט פון די געשיצטע האַנדעלס-צייכענס, זענען נישט נאָר די פאבריקאַנטען פון די אַרטיקלען, וואס זענען פערזעהען מיט נישט-לעגאל בענוצטע צייכענס, נאָר אויך די פערקויפער פון די אַרטיקלען, וויל דער אַרט. 191 פון דער פעראָרדנונג פונ'ם מלוכה-פּרעזידענט דעם 22 מערץ 1928, גיט צו, אַז דאָס פערניכטען פון די צייכענס קומט פאַר אויפ'ן חשבון פונ'ם שאָדען-ברענגער, אפילו ווען ס'זאָל זיין פערבינדען מיט'ן פערניכטען די סחורה.

דערמיט וואָרנען די אייגענטימער פונ'ם צייכען „סידאָל" אַלע פערקויפער און קויפער פון די מיטלען מיט'ן צייכען „סידאָר" פאַר'ן ווייטערדיגען קויפען אָדער פערשפּרייטען, פאַר דער זיי דראָהענדער פעראַנטוואָרטליכקייט.

דאָס טעאַטער „עליזעאום" אין טשענסטאָכאָוו.

פון מאָנטאָג דעם 30-טען ד. ח. הויבט אָן ביי אונז אין קאַמעראַל-זאַל צו גאַסטראָלירען איינע פון די בעסטע טרופּעס אין פוילען. און דאָס איז דאָס דראַמאַטישע „עליזעאום-טעאַטער, וועלכעס איז דאָס איינציגע טעאַטער אין ווארשא, וואָס שטעהט אויף א הויכען ליטעראַריש-קינסטלערישען ניוואָ.

די גאַנצע פּרעסע ווידמעט וואַרימע רעצענזיעס דער „עליזעאום"-טרופּע, וועלכע שפּילט מייסטערהאַפט.

לעצטענס האָבען זיי אויפגעפיהרט 2 הערליכע פּיעסען, וואָס האָט ארויסגערופען אַ שטורם אין דער טעאַטער-וועלט. און דאָס איז „פּרנסה" פון חנה גאָטעספעלד און „אזעף" פון טאַלסטאָי און שטשעגאָלעוו.

אויף איינע פון די אויפפיהרונגען אויף דער קאָמעדיע „פּרנסה" איז דעם שרייבער פון די שירות אויסגעקומען צו זיין אַנוועזענד און דעם איינדרוק, וואָס איך האָב ארויסגעטראָגען איז געווען אַ קאָלאָסאַלער.

דאָס זעלבע איז מיט דער צווייטער פּיעסע „אזעף", וואָס איז געשפּילט געוואָרען עטליכע חדשים כסדר מיט'ן גרעסטען ערפאָלג.

אין די דאָזיגע אויפפיהרונגען בעטייליגען זיך די גלענצענדע אַרטיסטען: קלאַרא סעגאַלאָוויטש, מאָנסדאָרף, וויטאַלין, מאַנדעלבליט, פּאָזנאנסקי, קורלענדער, גאַרבאַזש, בירנבוים, לוריע, לעמבערגער, קאָן א. אגד.

דער בעסטער טעאַטער עולם דאַרף אויסנוצען די געלעגענהייט און מאַסענווייז בעזוכען די געצעהלטע פאָרשטעלונגען און האָבען דעם אמת'ן גייסטיגען תענוג פון דעם הערליכען שפּילען פון די יונגע קינסטלער.

מאָנטאָג דעם 30-טען „אזעף", דינסטאָג ד. 31-טען „פּרנסה".

לאָטעריע-געווינס.

אַ זעהר אנגענעהמען איינדרוק האָט געמאַכט ביי אונז אין שטאָדט דאָס, וואָס ביי דער ערשטער קלאַס מלוכה-לאָטעריע איז אין וועקסעל-קאַנטאָר פון ה' ח. וועקסלער געוואונען געוואָרען די סומע פון 15 טויזענד זל., פון וועלכע דריי אָרימע יודען און איין קריסט זענען אויפגעריכט געוואָרען.

אַלע לויפען יעצט דאריבער אין אויבענדערמאנטען קאָלעקטור כדי איינצוקויפען צעטלען צו דער 2-ער קלאַס וועלכע געפונען זיך נאָך אין אַ בעגרעניצטער צאָהל.

אַ בריעף אין רעדאַקציע.

זעהר ג' ה' רעדאַקטאָר!

מיר בעטען אייך זעהר אָבצוגעבען פּלאַץ אין אייער חשוב'ער צייטונג פאַר פאָלגענדען בריעף, פאַרוואס מיר דאַנקען אייך פאָראויס:

לויט ווי מיר האבען זיך דערוואוסט קלויבען זיך איניגע ה"ה פאַבריקאַנטען איבערצונעמען די לייטונג פון קליינהענדלער-פעראיין אין טשענסטאָכאָוו, אין צוזאַמענהאַנג מיט וועלכען מיר אונטערגעשריבענע ווילען ערקלערען פאָלגענדעס:

אונזערע שווערע אָנגעהאָרעוועטע גראָשענס האבען מיר בייגעטראָגען, אַז מיר זאָלען האבען אַ אייגענע אָרגאַניזאַציע און מיר זאָלען נישט דאַרפען אָנקומען צו די גרויסע סוחרים, אַז זיי זאָלען אונז פערטיידיגען, וואוּם אָך און וועה וואָלט צו אונז געווען ווען מיר זאָלען דאַרפען זייער פערטיידיגונג, מיר האבען שוין געהאָט דאס געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען פיעל מאָל ווי אַזוי ה' ווישליצקי פערטיידיגט אונזערע אינטערעסען.

עס איז דאָך דאריבער פערשטענדליך אַז מיר קענען נישט איבערגעבען אונזער קליינהענדלער-פעראיין אין די הענד פון גרויס-פאַבריקאַנטען וועלכע וועלען דעם פעראיין אין אַ צייט אָרום פערוואנדלען אין אַ פאַבריקאַנטען-פעראיין און אונז אינגאַנצען אָברוימען פון האָריזאָנט.

אין די שווערע 15 יאהר ארבייט אין אונזער אָרגאַניזאַציע האט איהר די דאָזיגע הערן קיינמאל נישט געזעהן און איהר קענט זיי אפילו נישט, און מיר טאָרען פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזען אז מען זאָל אונז פערקויפען, מיר האבען געקעמפט פאַר אַ אייגענער אָרגאַניזאַציע און מיר וועלען ווייטער קעמפען און אַלע בעוואוסטזיניגע קליינהענדלער וועלען געוויס זיין מיט אונז.

און צו אייך ה"ה גרויסע פאַבריקאַנטען ווענדען מיר זיך: טהוט אונז נישט קיין טובות, נאָר זיצט אייך ווייטער אין אייערע קאַבינעטען. אויב איהר ווילט ווירקליך עפּיס אויפטהון פאַר די אָרימע קליינהענדלער מאַכט פאַר זיי פּלאַץ אין אייערע פאַבריקען און גיט זיי אַרבייט, אַזוי ווי איהר גיט אַרבייט נישט-יודען, פאַרוואס די קליינהענדלער וועלען אייך ווירקליך דאַנקבאַר זיין. מיר בעטען אייך זעהר לאָזט אונז צו רוה און צופלאַקערט נישט קיין ברידער-קריעג.

מיט אַכטונג

(ס'פאָלגען 44 אונטערשריפטען).

דעם בריעף מיט די אונטערשריפטען האָבען אונז איבערגעגעבען צוויי פון די אונטערגעשריבענע, די ה"ה בענדעט בערקאָוויטש און לייזער פייערמאַן.

צו דער עפענטליכקייט!

איך האַלט פאר מיין מאָראַלישען חוב פעסטצושטעלען פאָלגענדעס:

אַלס מענש מיט אַ געוויסער געזעלשאַפטליכער קולטור, אַבסערווירענדיג דעם קאַמף, וועלכער איז געפיהרט געוואָרען אין די קליינהענדלער - רייהען, בין איך געקומען צו דער איבערציי- גונג, אַז די קליינהענדלער, וועלכע זענען אַבסאָלוט נישט שולדיג און נישט פעראינטערעסירט אין די נאַרישע פער- זענליכע קאַמפען, וועלכע ווערען ארום זיי געפיהרט, ליידען דערפון גאָהר שטאַרק.

איך בין איבערצייגט, אַז די דאַזיגע אַרומרייסענישען פון די „דיקדאַטאָר- לעך" מיט גאַנץ בעשרענקטע מוחות, האָבען די יודישע קליינהענדלער פיעל שאַדען געבּרענגט.

די יודישע געזעלשאַפט האָט געהאַט אַ רעכט צו ערוואַרטען, וואָס וועט זאָגען און טהון דער „אַלטער מאַרק 13" ליידער אָבער איז דאָס אָרט, וואָס האָט אמאָל פערנומען דעם שענסטען פלאָץ צווישען די היגע יודישע אָרגאַ- ניזאַציעס, פערשיט געוואָרען מיט גאַז און שטינק באַמבּעס.

מיר איז אָבער אָפט אויסגעקומען ארויסצוטרעטען אין נאָמען פון דער אינסטיטוציע, איך האָב דוקא די דאַ- זיגע אָרגאַניזאַציע נישט געוואָלט פער- לאָזען אין מאָמענט, ווען אַלע מויערען האָבען געבּרענט. איך האָב אויך נישט מורא געהאַט וואָס מען וועט זאָגען פון דער אָדער יענער זייט, ווייל מיין געוועהר איז געווען: עהרליכקייט בנוגע דער זאַך.

עס האט ווייטער אַזוי נישט געקענט בלייבען. צו ערנסט איז דער מאָמענט, וועלכען די קליינהענדלער לעבּען אי- בּער, דער אָרימער קליינהענדלער נוי- טיגט זיך אומבעדינגט אין הילף, ער טאָר נישט מעהר זיין קיין ווערקצייג אין די הענד פון מענשען מיט נידרי- גע אַמביציעס. וואס מעהר איך האָבּ זיך פערטראַכט איבער דער שווערער דויערענדער סיטואַציע, אַלץ נעהנטער בין איך געקומען צו דער איבערציי- גונג אַז מען מוז מאַכען די גרעסטע אַנשטרענגונגען אין דער ריכטונג צו געפונען פּאַסיגע מענשען, וועלכע זאָ- לען סוף-כל-סוף קענען און וועלען זיך אוועקשטעלען אין דער שפּיץ פון דער קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע.

מיין דעוויז איז געווען פאָלגענדער: דער פאָרשטעהער פון דער אָרגאַניזאַ- ציע מוז זיין: א) אַנ'אַקטיווער מענש מיט א געזעלשאַפטליכער קולטור, ב) אַנ'עהרליכער אונאָבּהענגיגער מענש, ג) א מענש, וואס זאָל האָבען פסיכאָ- לאָגישע מעגליכקייטען זיך צו אָריענ- טירען סאָציאַל אויף אַ קלאַס, וועלכע עס שטעלען מיט זיך פאָר די קליינ- הענדלער.

איבּערוואָרפענדיג דאָס קליינע היי- פעלע עהרליכע געזעלשאַפטליכע טהו- ער האָב איך איינגעזעהען, אַז דער פּאַסיגסטער מענש, וועלכער זאָל קע- נען שטעהן אין דער שפּיץ פון דער קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע בּיים היינ- טיגען צושטאַנד, איז נאָר ה' יעקב ראָזענבּערג.

די בּיז-איצטיגע פערוואַלטונג מיט'ן פרעזעס ה' מענדיל עפּשטיין בּראש, האָט מיט ענטוזיאַזם בּעשלאָסען צו טהון אַלעס וואָס איז נאָר מעגליך כּדי צו בּעקומען די הסכּמה פון ה' ראָזענ- בּערג. מיר האָבּען טאַקע געמאַכט די גרעסטע אַנשטרענגונגען, אָבּער דער ה' ראָזענבּערג האָט בּשום אופן דעם מאַנדאַט נישט געוואָלט אָננעמען און מיר האָבּען איהם פּשוט דעם אמט מיט געוואַלד אָנגעוואָרפען.

איך מוז אונטערשטרייכען, אַז דער קליינהענדלער-פעראיין איז און וועט בּלייבּען אַנ'אַפּאָליטישע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע. אין דער יעצטיגער פער- וואַלטונג געפינען זיך מענשען, וועלכע געהערען צו פערשידענע פּאָליטישע ריכטונגען. קיינעם אָבּער חלומט נישט וועגען איינפיהרען פּאַרטייאישקייט אין דער קליינהענדלער אָרגאַניזאַציע.

מיר ווילען דער אָרגאַניזאַציע מאַכען אונאָבּהענגיג, שטאַרק און לעבּענס-פּע- היג. צי דאָס וועט געלונגען ווייס איך גישט, קיין שווארצע קראָהען און „כינעזישע" גענעראַלען פעהלען נישט. האָפען אָבּער מעג איך, אַז „Veritas vincit" – „דער אמת וועט זיעגען"!

אַדאָלף עפּשטיין.

פונ'ם יודישען הילפס-קאָמיטעט.

פויריגען זונטאַג האט געזאָלט פאָר- קומען אַ בּעריכטס-פערזאַמלונג פון די דעקלאַראַנטען פון הילפּס - קאָמיטעט, אָבּער צוליעב דער קליינער צאָהל אַנ- וועזענדע איז די פערזאַמלונג נישט צו- שטאַנד געקומען. די דאַזיגע ערשיינונג, די דאַזיגע גלייכגילטיגע בּעציהונג פון די דעקלאַראַנטען לגבּי דעם קאָמיטעט וועלכער האָט בּמשך זיין קורצער עג- זיסטענץ אַרויסגעהאָלפען מיט זיינע בּעשיידענע מיטלען פיעל נויטבּעדערפּ- טיגע יודען פון אַלע קרייזען, איז בּע- דויערענסווערט.

די עקזעקוטיווע האט דאריבּער בּע- שלאָסען אויף דעם וועג איינצולאַדען די דעקלאַראַנטען אויף דער פערזאַמ- לונג, וועלכע וועט פאָרקומען זונטאַג דעם 29 מאַי 5 נאָכמיטאַג אין זאַל פון דער קהלה, נייער מאַרק 14.

אויב דאסמאָל וועט נישט קומען קיין געהעריגע צאָהל דעקלאַראַנטען, וועט דאס בּעטראַכט ווערען דורך דער עקזע- קוטיווע אַלס בּעווייז, אַז דער קאָמי- טעט דאַרף ליקווידירט ווערען, דאס וועט זיין אַ בּעווייז, אַז די דעקלאַראַנ- טען אינטערעסירען זיך נישט מיט דעם שרעקליכען גורל פון די נויטליידענדע יודען, וועלכע האָבּען פערלוירען זיי- ער בּאַדען אונטער די פיס און וועלכע זענען אָנגעוויזען נאָר אויף דער שטי- צע פון דער יודישער געזעלשאַפט!

קומט דעריבּער מאַסענווייז אויף דער פערזאַמלונג, אויף וועלכער עס וועט אָבּגעגעבּען ווערען אַ בּעריכט פון דער בּיז - יעצטיגער טעטיגקייט און אויף וועלכער עס דאַרף בּעשלאָסען ווערען דער ווייטערדיגער גורל פונ'ם קאָמי- טעט!

אַ בּלימעל-טאָג

די היגע חברה „אהבת אחים" אַגראַ- דאָווא 20 בּעט אונז מיטצוטיילען, אַז דינסטאג דעם 31 מאַי ווערט איינגע- אָרדענט אַ בּלימעל - טאָג לטובת די גמילת חסד קאָסע, וואס עקזיסטירט בּיי דער דאַזיגער חברה, וועלכע דאַרף דורך דער היגער יוד. בּעפעלקערונג אונטערשטיצט ווערען.

ל"ג בּעומר בּיים בּרית טרומפּעלדאָר.

דינסטאַג, דעם 24 ד. ח. האט דער אָרטיגער קן פון בּית"ר איינגעאָרדענט א אויספלוג נאָך זשעלאַנא-גורא. פּונקט 8 אַ זייגער האָבּען זיך אַלע פערזאַ- מעלט אין די מונדירען, אין אייגענעם לאָקאַל.

נאָכ'ן אָבּנעמען די ראַפּאָרטען האָט דער צוג געריהרט דורך די גאַסען פון דער שטאָדט. 11 א זייגער האט דער קן זיך געפונען שוין אויפ'ן בּעשטימ- טען אָרט. מען האט אויפגעשטעלט די מחנה און אויף איינעם פון די בּוימער ארויפגעצויגען אַ בּלוי-ווייסען פאָהן.

נאָך אַ קורצען אבּרוה זענען פאָר- געקומען אסיפות כיתות והקן, ספּאָרט- איבּונגען, מיטאָג. דערנאָך רעפּעראַטען.

האַלבּ 10 אָוועגד זענען אַלע אין אַ געהויבּענער שטימונג געווען צוריק אויפ'ן הויף פון לאָקאַל און מיט'ן אויס- געשריי תל-חי זענען זיך אַלע פונאַנ- דערגעגאַנגען. ג. ז.

שול-קינדער פאַר יתומים.

אין דער שולע פון פרל. ווײנשטאָק האָבּען עטליכע שילערינס איינגעאָר- דענט א היימישע פאָרשטעלונג און די הכנסה אריינגעשיקט דער לעהרערין און איהר אָנגעוויזען, אַז עס זאָל אי- בּערשיקט ווערען אויפ'ן פאָנד פאַר דער יתומים-וואָך און דערפאַר שיקען זיי איהר בּלומען.

דער דאַזיגער טהאָט אוז ווערט בּע- גריסט צו ווערען.

„לאַבּוזעס".

די „סלאָווא" האט מיטגעטיילט, אַז עס האָבּען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז פינסטערע עלעמענטען ווילען אויס- נוצען דעם חגא-טאָג פון „גרינעם דאַ- נערשטאַג" אויף אדורכצופיהרען אנטי- יודישע ארויסטרעטונגען און שלאָגען יודען.

די צייטונג טרעט דעריבּער שארף ארויס געגען דעם און פאָדערט אויף די קריסטליכע בּעפעלקערונג זיך צו פערהאַלטען רוהיג און נישט לאָזען זיך פערפיהרען דורך פינסטערע עלע- מענטען.

דער טאָג איז דאָך אריבּער רוהיג.

פון דער געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט

דעם 29 מאי אויספלוג נאָך „גאַרזש- קאָווסקיע גורי".

4 און 5 יוני – בּעסקידען.

5 יוני – זאַוויערטשע, פאָדזאַמטשע און פּילץ.

אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער סעקרע- טאריאט דאָנערשטאג פון האַלבּ 9 בּיז האַלבּ 10, שבּת פון 5–6 און אויך אין געוועלבּ פון ה' רזשאָנשינסקי.

אָנגעהויבּען שטאָדטישע ארבּייטען.

די וואָך זענען אנגעהויבּען געוואָרען אַ רייהע שטאדטישע אַרבּייטען, בּיי וועלכע עס האָבען בּעקומען בּעשעפטי- גונג א געוויסע צאָהל אַרבּייטער וועל- כע פערדינען בּיז 4.50 זלאָטעס טעג- ליך.

די ערשטע יודישע גאָרטען- פערוויילונג.

אויף דעם צווייטען טאָג שבועות (שבּת ד. 11 יוני) ווערט אָרגאַניזירט פאַר די י. ל. פּרץ שולען א גרויסע גאָרטען-פערוויילונג אין שטאָדטישען פּאַרק מיט זעהר אינטערעסאַנטע פער- ווײלונגען. עס וועלען זיין: א קאָנצערט, א פאַנטען-לאָטעריע, אנ'אייגענער בּופעט, טענץ, פּאָסט, קאָנפעטיע א.א.

עס ווערען געמאכט בּעמיהונגען, אז די פערוויילונג זאָל אַדורכגעהן אימ- פּאָזאַנט.

צו דער אַקטיווער מיטאַרבּייט, האָ- בּען זיך דעקלארירט עטליכע צעהנדליג פריינד און סימפּאַטיקער צוזאמען מיט די עלטערען פון די שולען, וועלכע פערנעמען זיך שוין מיט'ן איינשאַפען אַ גרויסע פאַנטען-לאָטעריע און מיט'ן בּילעטען פערקויף.

עס איז אָהן ספק, אַז די יודישע געזעלשאַפט אין טשענסטאָכאָוו, וועט מיט וואַרימקייט ארויסווייזען איהר אונ- טערשטיצונג די אזוי ווערטיגע דער- ציהונגס- אַנשטאַלטען פאַר די קינדער פון די בּרייטע יודישע פאָלקס-מאַסען, וואָס נויטיגען זיך איצט אין באַלדי- גער, ממשות'דיגער הילף.

אַ שטאָדטישער שווים-אַנשטאַלט.

וועגען אַ שטאָדטישען שווום-אַנש- טאַלט איז שוין פיעל מאָל אַרומגע- רעדט געוואָרען אויף פערשידענע זי- צונגען, אָבער בּיז-יעצט איז נישט גע- לונגען אין דעם פּרט צו קומען צו עט- וואס רעאַלעס.

די טעג האט די ליגע פון ים און קאָלאָניעס און אויך דער פעראיין פון געזעלשאַפטליכער ערציהערישער אַר- בּייט א. נ. פון מארשאל פּילסודסקי, זיך געוואַנדען צום מאַגיסטראַט מיט אַ קאָנקרעטען פאָרשלאַג וועגען דעם ענין.

דער מאַגיסטראַט האט די בּיטע גע- נומען אין אַכט און דער שטאָדטישער קאָמיסאַר האט בּעשלאָסען צו רופען אויפ'ן אנהויבּ פון נעכסטען חודש א זיצונג פון פערטרעטער פון היגע אינ- דוסטריעלע און ספּאָרט-געזעלשאַפטען וועגען איינאָרדנען דעם דאַזיגען אַנש- טאַלט, וועלכער זאָל דאסמאָל יאָ גע- שאַפען ווערען.

רייזע-פּלאַן

גילטיג פון 22 מאַי 1932.

קומען אָן

פון ווארשא: 0.34* 1.47* 2.45 4.44 5.55 10.55* 14.47* 19.20 19.49* 20.53*

פון קראקא: 0.02 3.02 4.35 459* 13.56 17.16* 20.11*

פון קעלץ: 7.45 19.17

פון קאַלושקי: 16.53

פון קאַטאָוויץ: 0.02 2.08* 3.02 7.30 9.25* 10.45 13.56 16.45 19.05 20.11* 21.50

פון הערבּי: 7.41 9.22 16.58

פון לובּליניעץ: 13.23 20.43

פון לאָדז דורך זד.-וואָלאַ און הערבּי 22.50

פון ראַדאָמסק: 7.33

„טשענסטאָכאָווער צייטונג"

געהן אָב

קיין ווארשא: 0.10 2.14* 3.08 5.05* 5.45 9.30* 14.05 17.19* 19.25 20.12*

קיין קאָטאָוויץ: 1.52* 2.53 4.50 7.50 10.58* 11.10 14.55 17.50 19.56* 20.05 22.05

קיין הערבּי: 6.15 19.40 23.05

קיין לובּליניעץ: 9.45 17.25

קיין קראקא: 0.40* 2.53 4.50 13.35 10.58* 14.55 20.59*

קיין קעלץ: 6.10 14.52

קיין לאָדז דורך הערבּי און זד.-וואָלע: 14.15

קיין קאַלושקי: 8.25

פון ספּאָרט.

פוטבּאָל.

סקרא–וויקטאָריאַ 1:2

בּריגאַדע–מישקאָוו 1:5

וואַרטאַ–טוריסטען 4:0

ספּאָרט-שפּילען.

– פויריגע וואָך האָט „וואַרטאַ" גע- שפּילט דעם צווייטען אין הייריגען סע- זאָן, פריינדשאַפטס-מעטש מיט די „טו- ריסטען" און פערגלייכענדיג די רעזול- טאַטען זעהט מען די קאָלאָסאַלע פּאָרט- שריט פון דער וואַרטאַ-מאַנשאַפט. די וואַרטאַ, טראָץ דעם וואס זי איז אַרויס- געטרעטען מיט 2 רעזערוו-שפּילער האָט דערגרייכט זעהר גוטע רעזולטאַטען.

קאָרבּ - בּאַל: וואַרטאַ1 – טוריסטען1 19:15 (9:7). וואַרטאַ2–טוריסטען2 31:15 (14:13). אין נעץ-בּאַל האָט וואַרטאַ1 בּעזיגט טוריסטען1 22:28 (15:13).

– די מייסטערשאַפט קאָרבּ און נעץ- בּאַל שפּילען צווישען יוד. טורן-ספּאָרט פעראיין און „וויקטאָריאַ", וואס זענען פאָרגעקומען פערגאַנגענעם שבּת האָבּען געגעבּען פאָלגענדע רעזולטאַטען: דאַ- מען קאָרבּ-בּאַל 30:0 (וואָלקאָווער) פאַר יטספּ. מענער קאָרבּ-בּאַל 41:6 פאַר ווי- קטאָריאַ און מענער נעץ-בּאַל 30:22 פאַר וויקטאָריאַ.

– מאָרגען שבּת 5 נאָכמיטאג קומט פאָר אויפ'ן ספּאָרט - פּלאַץ פון זשטגס אַ מייסטערשאַפטס - מעטש אין נעץ און קאָרבּ - בּאַל צווישען וואַרטאַ און יוד. טורן-און ספּאָרט-פעראיין. עס איז דער ערשטער צוזאַמענטרעף פון די דאַזיגע צוויי יודישע קלוּבּען, וואס ווערט ער- וואַרט מיט גרויס אונגעדולד דורך די סימפּאַטיקער און אָנהענגער פון בּיידע קלובּען, וואס זאָגען שוין אַרויס פער- שידענע השערות.

– ווי מיר האָבּען שוין געמאָלדען קומט פאָר זונטאג, דעם 5 יוני אַ פּראַ- פּאַגאַנדע קינדער-ספּאָרט-פעסט פון יוד. טורן-ספּאָרט-פעראיין, בּיים אַנטייל פון 50 קינדער אין עלטער פון 5–12 יאָהר. אין פּראָגראַם: אַ מוסטער-לעקציע פון גימנאַסטיק, לייכטאַטלעטיק, ווי: לוי- פען, שפּרינגען אא"וו און צום סוף ספּאָרט-שפּילען.

„Grand-Kino"
קאָשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.
קרזעסלאָ 1 זלאָטי.

היינט און ווייטערע טעג, גרויסע עראָטישע דראַמאַ
POCAŁUNEK
מיט גרעטאַ גאַרבּאָ, קאָנראד נאַגעל און לעוו איירעס.
אויף דער סצענע: א גענצליך נייער פּראָגראַם. הומאָר! טענץ! סאַטירע! געלעכטער!

Teatr „ODEON"
אַלעע 27.
לעצטער סעאַנס 10 אָוועגד.
אויפ'ן 1 סעאַנס קרזעסלאָ 70 גר

איינער פון די שענסטע פראַנצויזישע שלאַגערס !
PRECZ z MIŁOśCIĄ
נידער מיט די פרויען...
די לאָזונג וואַרפט דער העלד פונ'ם פילם אַנדזשיי רוּאַן אָבּער עס קעהרט איהם אָב דערפון די שעהנע
ליליאַן האַרווי. איבּערן פּראָגראַם: א נישט-געפּאַסט פאַר-פּאָלק.

ערשטער מוסטערהאַפטער
קלאַנג-קינאָ
Nowości
לעצטער סעאַנס 9-30 אָוועגד.
היינט און ווייטערע טעג.

נייע בּעאַרבּייטונג פון מעכטיגסטען קלאַנג קונסטווערק פון ה. עווערס
STUDENT z PRAGI
אין דער הויפּט-ראָלע: קאָנראַד ווייד. חוץ דעם קלאַנג-צוגאָבּען.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6